NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04693

YUNGVALD

Permanent preservation of this book was made possible
Sally & Erwin Greenberg
in honor of
their children and grandchildren

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (103—104) 7—8

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 7, 1989

יונגוואַלד

נומ. 1

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1989

טײַערע פרײַנט!

די רעדאַקציע האָפט, אַז „יונגוואַלד" וועט זײַן ניט בלויז אַ לײענשטאָף פאַרן נײַעם דאָר ייִדיש־ליבהאָבער, נאָר אויך אַ טריבונע אױף צו אָפּשפּיגלען און באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון פאַרהײַנטיקן אונדזער מאַמע־לשון.

מיר דערוואַרטן, אַז אָט דער באַשײדענער אָנהייב זאָל אונטערגעכאַפּט ווערן מיצאַד ברייטע קרײַזן יונגע לײענער און אָנפאַנגער־שרײַבשטעלער. די רעדאַקציע וועט אויפמערקזאַם באַטראַכטן אַלע אײַערע אײַנצעס און באַמערקונגען, ווי אויך די ווערק, וואָס איר וועט פאָרלייגן פאַר „יונגוואַלד".

פאַרוואָס — „יונגוואַלד"

די יידישע שריפטשטעלער פונעם על־טערן דאָר מאכן אן אָרט אין דער רעגולע־רער ביכער־בײַלאגע צום זשורנאל „סאָ־וועטיש היימלאנד" פאר דעם העמשעך־דאָר, קעדיי די שרײַבער־אָנפאנגער זאָלן האָבן נײַע מעגלעכקײַטן אופצורופן אָנ־פאנגער־לייענער.

וואָס טוט ניט א טאטע, קעדיי צוגעבן קויעך זײַנע זין!

דאָס „זשורנאלעכל אינעם זשורנאל" וועט האָבן זײַן אייגענעם נאָמען.

פאַרוואָס — „יונגוואַלד"?

ווײַל אזוי האָט אין די פארגאנגענע יאָרן זיך אָנגערופן א גרופע יונגע סאָוועטישע שרײַבער פונעם נאָך־אָקטיאבערישן דאָר, וועלכע האָט ארויסגעגעבן א ליטע־ראַרישע צײַטשריפט מיט דעם זעלבן נאָ־מען — „יונגוואַלד". א ראָמאַנטישער, צו־זאָגנדיקער, פריש־שמעקנדיקער, פאר־וואָרצלטער אונטערן פרײַען הימל יונגער וואלד...

די אנאלאָגיע פארפליכטעט און רופט. איך וויל גלייבן, אז דער יונגער וואלד וועט געבן אלץ נײַע און נײַע שפּראָצלינגען.

פאָרגייער פונעם הײַנטיקן „יונגוואַלד"

זײַנען געוועזן צווישן די ערשטע בויער פֿון אונדזער „סאָוועטיש הײמלאַנד“: יוסף ראַבין, נאָטע לוריע, כאַים לויצקער, ריווקע רובין.

דאָס גיט אונדז א מעגלעכקײַט נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל פּראָקלאַמירן אונדזער ווילן פֿאָרצוזעצן אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור די שעפֿערישע טראַדיציעס, — ניט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, ניט צוליב שיינע רייד, נאָר מיטן ציל איבערצופֿירן דעם גרויסן אוצער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק — די ייִדישע ליטעראַטור — צו די לעבנס־קוואַלן פֿון דעם XXI יאָרהונדערט.

אַרן ווערגעליס

ערשטע טריט

א

איך וויל זיך אויסלערנען ייִדיש.

אף דער ארבעט רעד איך אף רוסיש. איך לייען רוסישע און אוקראַיִנישע צײַטונגען, זשורנאלן און ביכער, זיי זײַנען אינטערעסאנט.

אין דער זעלבער צײַט האלט איך, אז מע דארף קענען דאָס מאמע־לאָשן.

מײַנע עלטערן, די מאמע און דער טאטע, קענען ייִדיש, זיי לייענען „סאָוועטיש היימלאנד" און ייִדישע ביכער. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט אף ייִדיש. אָבער מיט מיר און מיט מײַן שוועסטער רעדט מען בלויז אף רוסיש, כאָטש צומאָל שטעלן זיי ארײַן אייניקע ייִדישע ווערטער: „מיש־פּאָכע", „כאָסן", „קאליקע", „שלימאזל", „מאזלטאָוו", „יאָמ־טעוו"...

אָבער איך טראכט אזוי. יעדעס פֿאָלק דארף אָפּהיטן זײַן נאציאָנאלע שפּראך, איבערגעבן זי פון דאָר צו דאָר.

איך זאָג צו די עלטערן:

— לאָמיר רעדן אף ייִדיש. אין אונדזער ייִדישן קלוב זײַנען אָרגאניזירט קורסן צו דערלערנען די שפּראך. ס'פירט די לימודים א גוטער לערער. ער איז א קענער פון דער קלאסישער און הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראטור. אָבער עס איז אוואדע ווייניק — בלויז גיין אף די לימודים. לאָמיר רעדן אינדערהיים אויך ייִדיש.

ב

אונדזער ייִדישער קלוב האָט נאָך ניט קיין אייגענע געבײַדע. דערווײַל פירט ער זײַן ארבעט אין קולטור־פּאַלאַץ פון א גרויסן מאשינבוי־זאוואָד.

דער קולטור־פּאַלאַץ איז א נײַער און זייער א שיינער. יעדן זונטיק קומען אהער אלע, ווער ס'וויל באזוכן א קאָנצערט אָדער א ליטעראַרישן אָוונט. מע אָרגאַניזירט דאָ אויך לעקציעס וועגן ייִדישער געשיכטע.

צוויי מאָל אין דער וואָך, מיטוואָך און שאבעס, זיבן אזייגער אפּדערנאכט, קומען אינעם קולטור־פּאַלאַץ טאַל־מידים פון די קורסן צו דערלערנען ייִדיש.

אונדזער לערער האָט אין די דרײַסיקער יאָרן פארענ־דיקט א ייִדישן פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. ער האָט אפילו געשריבן ייִדישע לידער און מע האָט זיי געדרוקט אינעם זשורנאַל „יונגוואַלד". עטלעכע זײַנע לידער וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט ניט לאַנג צוריק אָנגעדרוקט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

דער סאַמע יונגער טאַלמיד איז אַלט פופצן יאָר. ער איז א שילער פונעם אכטן קלאַס. אין אונדזער גרופּע לערנט זיך אויך זײַן זיידע, א פּענסיאָנער. ער האָט פארגעסן די מוטער־שפּראַך.

אף די לימודים זע איך, ווי דער זיידע און דאָס אייניקל שרײַבן ארײַן אין זייערע העפטן נײַע ווערטער.

ג

מיט עטלעכע טעג צוריק איז בא אונדז אין ייִדישן קלוב געווען א דיספוט וועגן דעם, אף וואָס פאר א שפּראַך עס דארף זיך אנטוויקלען די ייִדישע קולטור. דער אוילעם האָט זיך צעטיילט אף דרײַ „פראקציעס": „רוסיסטן", „איווריטיסטן" און „ייִדישיסטן".

דער לידער פון די „רוסיסטן", א זשורנאליסט פון דער אָרטיקער צײַטונג, האָט געזאָגט:

— לאָמיר אופהערן בויען לופט־שלעסער. די ציפערן פון דער פאָלקסציילונג זאָגן אײדעס, אז דאָסראָוו סאָוועטישע ייִדן רעדן אף רוסיש. אזוי אז רוסיש איז געוואָרן פונקט אזא ייִדישע שפּראַך, ווי עס איז אמאָל געווען, לעמאָשל, אראמעיִש אָדער שפּאניש. מע דארף אנטוויקלען ייִדישע קולטור אין דער רוסישער שפּראַך.

אין נאָמען פון די „איווריטיסטן" האָט גערעדט זייער מאָרע, א קינסטלער לויט דער פּראָפעסיע.

— איווריט איז הײַנט די סאמע פרעסטיזשפולע נאציאָנאלע ייִדישע שפּראַך,— האָט געזאָגט דער קינסטלער.— ייִדיש איז א נעבעכדיקער אטאוויזם, א געמיש פון דײַטשישע און סלאווישע ווערטער. אָדער ייִדישע קולטור אף איווריט, אָדער אסימיליאציע — אזא איז די פּראָבלעם.

דער לערער פון אונדזערע ייִדיש־קורסן האָט דערווידערט:

— קיין ייִדישע קולטור אף רוסיש איז ניט מעגלעך. און איווריט איז פון טאָמיד אָן א פרעמדע פאר אונדז שפּראַך.

בלויז אף ייִדיש קאָן מען בויען די ייִדישע קולטור בא אונדז אין לאנד. דאָס מאמע־לאָשן האָט אין רוסלאנד אזעלכע וואָרצלען, אז ייִדיש און ייִדישע קולטור וועלן ווידער אופֿלעבן, אויב ס׳וועלן געשאפֿן ווערן גינסטיקע באדינגונגען.

דעם סאכאקל האָט אונטערגעצויגן דער פאָרזיצער פֿונעם ייִדישן קלוב.

— כאווירים, — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבן געהאט זייער אן אינטערעסאנטן דיספּוט. איך גופֿע האלט אָבער, אז מע דארף ווייניקער דיסקוטירן און מערער טאָן, סײַ אף ייִדיש, סײַ אף איווריט, סײַ אף רוסיש. אָבער מע טאָר ניט פארגעסן, אז ייִדיש — דאָס איז די „נעשאָמע" פֿון אונדזער פֿאָלק. און וועגן וואָסער קולטור קאָן מען רעדן, אויב מיר וועלן, כאסוועכאָלילע, פארגעסן אין דער נעשאָמע?

• • •

אונדזער כרעסטאָמאַטיע

- שאַלעם-אַלייכעם
- פּערעץ מאַרקיש
- יויסעף אָפּאַטאָשו

מאָסקווע, מינסק, באָברויסק, וויטעבסק, ווילנע, קאָוונע, ריגע, לוואָוו, קיִעוו, דניעפּראָפּעטראָווסק, זאַפּאָראָזשיע, טאַשקענט, ביראָבידזשאַן, אופא, באַקו, פּערם, פּענזע, כאַרקאָוו, פרונזע, קעשענעוו, בעלץ, טיראַספּאָל, טשעליאַבינסק — דאָס זײַנען נאָך ניט אַלע שטעט, וווּ עס זײַנען שוין אָרגאַניזירט קורסן און קלאַסן פאַר דערלערנען ייִדיש.

מיר האָבן ידיעות, אַז אין די נאָענטסטע חדשים וועלן זיך עפענען ייִדיש־קורסן אויך אין אָדעס, סווערדלאָווסק, דאָנעצק, גאָרקי, ראָוונע, לענינגראַד, סאַראַטאָוו און אין פיל אַנדערע שטעט.

מאַזלטאָוו! נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס איז ווידער געקומען די צײַט, ווען די ליבהאָבער פון ייִדיש נייטיקן זיך אין אַ ייִדישער כרעסטאָמאַטיע.

ШОЛОМ-АЛЕЙХЕМ
(1859—1916)



Шолом-Алейхем (Шолом Рабинович) — один из самых известных и популярных еврейских писателей. Родился в Переяславе в Полтавской губернии, перепробовал множество профессий — работал домашним учителем, казённым раввином, занимался коммерцией.

Сотрудничал в различных газетах, выходивших на иврите и идише. В 1888—1889 годах издавал «Еврейскую народную библиотеку», которая много сделала для становления новой еврейской литературы.



דאס מעסער׳ל

שלום עליכם.

НОЖИКЪ

Разсказъ ШАЛОМЪ АЛЕЙХЕМА.

דער שארבלאט פון דער ערשטער
אויסגאבע פון „דאָס מעסערל"

После киевского погрома 1905 года Шолом-Алейхем с семьёй покинул Россию, начались его скитания по Европе и Америке, в 1914 году он навсегда поселился в США. Последние десять лет страдал тяжёлым заболеванием легких, от которого скончался в Нью-Йорке в 1916 году.

Произведения Шолом-Алейхема переведены на многие языки, и для большинства иноязычных читателей каждая его книга является «визитной карточкой» еврейской литературы. Великий народный писатель сумел показать изнутри многообразие жизни евреев в России в конце XIX — начале XX веков, быт и мироощущение жителей местечка, общественную атмосферу в черте оседлости. Писатель создал галерею типов, ставших классическими: терпеливого и рассудительного труженика Тевье-молочника, «человека воздуха», задавленного капиталистической действительностью Менахем-Мендла, лишённого детства, непосредственного и восприимчивого мальчика Мотла.

שאָלעם־אלייכעם

דאָס מעסערל

(געקירצט)

א

הערט, ייִדישע קינדער, איך װעל אײַך דערציילן א מײַ־סע מיט א מעסערל; נישט קיין אויסגעטראכטע מײַסע, נאָר אן עמעסע[1], װאָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר טאקע אליין.

צו קיין זאך אף דער װעלט האָב איך אזוי קיין כיישעק[2] ניט געהאט, װי צו א מעסערל; קיין זאך אף דער װעלט האָב איך אזוי ניט געגארט[3] צו האָבן, װי צו האָבן א מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיך ליגן אין קעשענע, און װען איך װיל,

---

[1] עמעסער [אמתער] — действительный, правдивый

[2] כיישעק [חשק] — желание, охота

[3] גארן — желать

זאָל איך מיר דאָס ארויסנעמען, און וואָס איך וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדן — און לאָזן מײַנע כאווײרים וויסן![1]

איך האָב נאָרוואָס אָנגעהויבן גיין אין כײדער[2], האָב איך שוין געהאַט א מעסערל, דאָס הייסט, קימאַט[3] ווי א מעסערל. איך האָב דאָס מיר טאַקע אַליין געמאַכט.

איך האָב אויסגעריסן א געפֿונענע פעדער פון א פלעדערוויש[4], פון איין זײַט אָפּגעהאַקט[5], פון דער אנדערער זײַט אויסגעגלעט[6] און האָב מיר פאַרגעשטעלט, עלעהײַ[7] ס'איז א מעסערל און סע שנײַדט...

— וואָס איז דאָס פאר א פעדער? וואָס איז דאָס פאר ארומטראָגן זיך[8] מיט פעדערן? — פרעגט מיך דער טאַטע, א קראַנקער ייִד מיט א געל אויסגעטריקנט פּאָנעם[9], און פאַרהוסט זיך[10]. — נא דיר גאָר פעדערן, שפּילכלער — קכע־הע־הע־הע!

— וואָס אַרט דיך[11], אז דאָס קינד שפּילט זיך? — ענט־

1	לאָזן מײַנע כאווײרים [חברים] וויסן	пусть мои друзья знают
2	כײדער [חדר]	хедер, начальная религиозная школа для мальчиков
3	קימאַט [כמעט]	почти
4	פלעדערוויש	часть гусиного крыла с перьями *(тип самодельной щётки)*
5	אָפּהאַקן	обрубить, обрезать
6	אויסגלעטן	разгладить
7	עלעהײַ	положим, допустим
8	ארומטראָגן זיך	*зд.* носиться
9	געל אויסגעטריקנט פּאָנעם	жёлтое, высохшее лицо
10	פאַרהוסטן זיך	закашляться
11	וואָס אַרט דיך	какое тебе дело

1*

פערט אים די מאמע, א נידעריטשקע ייִדענע מיט א זײַדן טיכל אפֿן קאָפּ. — אבי אויסעסן זיך דאָס הארץ[1].

שפּעטער, אז איך האָב שוין געהאלטן בא „כומעש"[2], האָב איך שוין געהאט קימאט אן עמעסדיק מעסערל, אויך מײַן אייגענע מעלאָכע[3].

איך האָב דערטאפּט א שטיקל שטאָל פֿון דער מאמעס „קרינעלינע"[4] און האָב דאָס אײַנגעזעצט זייער קונציק אין א שטיקל האָלץ. דאָס שטיקל שטאָל האָב איך רעכט אָנגעשארפּט אָן א טאָפּ[5] און האָב זיך דערבײַ, געוויינטלעך, צעשניטן אלע פֿינגער.

— זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס א ביסל צעבלוטיקט, דער קאדיש[6] דײַנער! — שרײַט דער טאטע און נעמט מיך אָן בא די פֿינגער אזוי, אז די ביינדלעך קנאקן. — א שיינער באָכערקענע[7], העהעהע!

— אוי, א דונער איז מיר![8] — זאָגט די מאמע און נעמט צו בא מיר דאָס מעסערל און ווארפט דאָס ארײַן אין

---

1 אבי אויסעסן זיך דאָס הארץ — *зд.* лишь бы зря мучить себя

2 כומעש [חומש] — тора; пятикнижие

3 אייגענע מעלאָכע [מלאכה] — *зд.* собственного изготовления

4 קרינעלינע — кринолин

5 אָנשארפֿן אָן א טאָפּ — наточить о глиняный горшок

6 קאדיש [קדיש] — кадиш — молитва, которую сын читает после смерти одного из родителей; здесь имеется в виду сам сын.

7 באָכערקענע [בחור] — паренёк

8 א דונער איז מיר — гром меня порази

איבערן אָרט, קוקט נישט אַף מײַן געוויין. — אַצינד וועט דאָס האָבן אַן עק, ווײַ איז מיר ניט!

איך האָב אָבער גיך באַקומען אַן אַנדער מעסערל, טאַקע אַף דער רעכטער עמעס אַ מעסערל; אַ הילצערן קלעצל[1], אַ קײַלעכיקס[2], אַ בײַכיקס[3], פּאַכאַזשע אַף אַ פעסל[4], מיט אַ האַרבאַטע קלינגל[5], וועלכעס האָט זיך אַי געעפנט, אַי פאַרמאַכט.

איר ווילט וויסן, וו:אַרום[6] האָב איך דאָס באַקומען? איך האָב מיר צונויפגעשלאָגן אַ קאַפּיטאַל פון די אָנבײַסנס[7], און האָב אָפּגעקויפט בא שלוימעלען פאַר זיבן גראָשן מעזומען[8], און דרײַ בין איך אים געבליבן שולדיק.

געקומען אַהיים פונעם כיידער אַ דערהאַרגעטער[9], אַ הונגעריקער, אַ שלעפּעריקער[10], אַן אויסגעפּאַטשטער[11], איז דאָס ערשטע געוועזן אַרויסנעמען דאָס מעסערל פון אונטער דער שוואַרצער שאַפע (דאָרט איז דאָס געלעגן אַ גאַנצן טאָג, מאַכמעס[12] אין כיידער האָב איך דאָס ניט געטאָרט[13] האַלטן, און אינדערהיים האָט אַוואַדע[14] קיינער נישט געטאָרט וויסן, אַז איך האָב אַ מעסערל).

1	קלעצל	брусок
2	קײַלעכיקס	круглый
3	בײַכיקס	пузатый
4	פעסל	бочка
5	קלינגל	лезвие
6	וו:אַרום	откуда
7	אָנבײַסן	завтрак
8	מעזומען [מזומן]	*зд.* наличными (*иронич.*)
9	דערהאַרגעטער [הרג]	убитый
10	שלעפּעריקער	слабый, обессиленный
11	אויסגעפּאַטשטער	избитый
12	מאַכמעס [מחמת]	потому что
13	טאָרן	мочь, сметь
14	אַוואַדע	наверняка

נאָכדעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן[1], איבער־שנײַדן א שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן א שטרוי אף דער האַלב, און ערשט נאָכדעם צעשנײַדן מײַן כיילעק[2] ברויט אף קלייניטשקע[3], קלייניטשקע שטיקעלעך, אָנשטעכן[4] אפן שפּיץ פונעם קלינגל און ערשט נאָכדעם לייגן אין מויל אַרײַן.

שפּעטער, פאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערייניקט, אויסגעשײַערט[5], אויסגעפּוצט, גענומען דאָס שאַרפשטיינדל[6], וואָס איך האָב געפונען בא אונדז אפן בוידעם, אָנגעשפּיגן[7] און גענומען זיך שטילערהייט צו דער אַרבעט — שאַרפן דאָס מעסערל, שאַרפן, שאַרפן...

דער טאַטע, מיט א יאַרמעלקע אפן קאָפּ, זיצט איבער א סייפער[8], לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פּאָרעט זיך[9] בא דער כאַלע. איך הער נישט אוף דאָס מעסערל צו שאַרפן, שאַרפן...

פּלוצעם כאַפּט זיך אוף דער טאַטע, ווי פונעם שלאָף:

— ווער פּישטשעט[10] דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס טוסטו, דו שהע־הע־געץ[11] איינער?

ער גייט צו צו מיר און בייגט זיך אָן איבער מײַן שאַרפ־שטיינדל און כאַפּט מיך פאַרן אויער און פאַרהוסט זיך.

1	נעמען אויסגלעטן	*зд.* начать гладить
2	כיילעק [חלק]	часть, порция
3	קלייניטשקע	маленькая
4	אָנשטעכן	накалывать
5	אויסשײַערן	чистить песком, драить
6	שאַרפשטיינדל	точильный камень
7	אָנשפּײַען	плевать
8	סייפער [ספר]	книга (*религиозная*)
9	פּאָרען זיך	возиться
10	פּישטשען	пищать
11	שייגעץ [שקץ]	мальчишка (*груб.*)

— א־א־א? מעסערלעך?! הע־הע־הע! — זאָגט דער טאַטע און נעמט צו בא מיר דאָס מעסערל מיטן שאַרפֿשטיינדל. — אזא יונגאַטש[1], קכע־הע־הע!

איך הייב אָן וויינען אף א קאָל[2]; דער טאַטע פאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש[3], און די מאַמע לויפט אַריַין פון קיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל[4], מיט א גוואַלד:

— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכעס? פאַרוואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד? וויי איז מיר ניט!..

— מעסערלעך?.. — שריַיט דער טאַטע און פאַרהוסט זיך. — א ברעקעלע[5] קינד!.. אזא יונגאַטש!.. קכע־הע־הע... א באָכערל פון אכט יאָר!.. איך וועל דיר געבן מעסערלעך, דו פּוסטער באָכער איינער!.. אינמיטנדערינען[6] גאָר מעסערלעך, קכע־הע־הע־הע!..

גוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מיַין מעסערל? וואָס האָט דאָס בא אים אַזוינס פאַרזינדיקט?.. פאַרוואָס איז ער אַזוי אין קאַס?..[7]

איך געדענק מיַין טאַטן קימאַט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל, און טאָמיד[8] אין קאַס, טאָמיד באַרוי־

1	יונגאַטש	юнец
2	אף א קאָל [קול]	во весь голос
3	פאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש	награждает (*дословно* — улучшает) меня несколькими тумаками
4	פאַרקאַטשעטע אַרבל	закатанные рукава
5	ברעקעלע	маленький
6	אינמיטנדערינען	неожиданно, вдруг
7	קאַס [כעס]	гнев, злоба
8	טאָמיד [תמיד]	всегда

געזן[1] אַף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ מינדסטער נאַרישקײַט וועט ער אָנגעצונדן. אַ גליק, וואָס די מאַמע פאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פון זײַנע הענט.

און דאָס מעסערל מײַנס האָט מען פאַרוואָרפן, פאַרוואָרפן אַזוי ווײַט, אַז איך האָב דאָס אַכט טעג געזוכט און געזוכט און האָב דאָס נישט געקאָנט געפינען אין ערגעץ[2]!

איך האָב באַוויינט דאָס האָרבאַטע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל. און ווי ביטער און פינצטער מיר איז געווען אין כיידער, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך וועל קומען אַהיים מיט געשוואָלענע באַקן[3], מיט רויטע אונטערגעריסענע אויערן[4] פון רעבנס הענט — צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן?[5] עלנט[6] בין איך געבליבן אָן דעם האָרבאַטן מעסערל, עלנט ווי אַ יאָסעם.

און קיינער, קיינער האָט ניט געזען מײַנע טרערן, וועלכע איך האָב שטילערהייט פאַרגאָסן בא זיך, אַף מײַן בעטל, באַנאַכט[7], קומענדיק פונעם כיידער. שטיל האָב איך מיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנשלאָפן געוואָרן. און אַף מאָרגן פרי ווידער אין כיידער אַרײַן, ווידער דעם רעבנס קלעפּ, ווידער דעם טאַטנס קאַס, דעם טאַטנס הוסט.

ניטאָ קיין פרײַע מינוט, קיין פריילעכע מינע, קיין שמייכעלע, קיין איינציק שמייכעלע פון קיינעם, פון קיינעם — איינער אַליין, עלנט, עלנט אַף דער גאַנצער וועלט!..

1	באַרויגעז [ברוגז]	обиженный, раздражённый
2	אין ערגעץ	нигде
3	געשוואָלענע באַקן	распухшие щёки
4	אונטערגעריסענע אויערן	надранные уши
5	קערן און ווענדן	обратиться (*за советом, помощью и т. п.*).
6	עלנט	одиночество
7	באַנאַכט	вечером

ב

פון יענער צײַט אָן איז איבערגעגאנגען א יאָר, און עפשער[1] אָנדערהאַלבן[2]. איך האָב שוין קימאט אָנגעהויבן צו פארגעסן דאָס האָרבאַטע מעסערל.

עס ווײַזט אויס[3], אז מיר איז אָבער באַשערט[4] געווען, אז אלע מײַנע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען[5] פאר מעסערלעך. איז געבוירן געוואָרן א נײַ מעסערל אף מײַן אומגליק, גאָר א שפּאָגל־נײַ[6] מעסערל, אן אנטיקל[7], כלעבן[8], א וואזשנע מעסערל, מיט צוויי קלינגלעך, טײַערע שטאָלענע קלינגלעך, מיט א ווײַס ביינערן קלעצל, מיט רויטע מעשע־נע שטיפּטיקלעך — איך זאָג אײַך, אן אנטיקל א מעסערל!

ווי קומט צו מיר דאָס דאָזיקע טײַערע מעסערל? דאָס איז א גאנצע מײַסע[9], א טרויעריקע, נאָר א שיינע מײַסע; הערט, איך בעט אײַך, מיט קאָפּ[10].

וואָס פאר א פּאָנעם האָט בא מיר געהאט דער „גאָ־

---

1 עפשער [אפשר] — возможно
2 אָנדערהאַלבן — полтора
3 עס ווײַזט אויס — кажется
4 באַשערט — суждено
5 אָפּקומען — *зд.* намучиться, настрадаться
6 שפּאָגל־נײַ — совершенно новый
7 אנטיקל — редкий, ценный
8 כלעבן — чтоб я был так жив
9 מײַסע [מעשה] — история, рассказ
10 הערט מיט קאָפּ — *зд.* слушайте внимательно

לועד״[1], דער יִדישער דײַטש[2], וואָס איז געשטאַנען בא אונדז סטאַנציע, דער פֿאָדריאַדטשיק הער הערץ הערצענ־הערץ, אַז גערעדט האָט ער אַף יִדיש, געגאַנגען איז ער אָן א היטל, אָן א באָרד, אָן פּייעס[3] און ביז העכער האַלב אונטערגעשניטן די קאַפּאָטע[4]? איך פֿרעג אײַך, וויאַזוי האָב איך זיך געקאָנט אײַנהאַלטן און ניט פּלאַצן פֿאַר געלעכטער[5], ווען דער דאָזיקער יִדישער גאָי[6], אָדער דער גאָישער יִיד[6] האָט צו מיר גערעדט דאַפּקע[7] אַף יִדיש, נאָר עפּעס א מאָדנע[8] יִדיש, מיט א סאַך פּאַסעכן[9].

— נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס פֿיר סעדרע גייט דיזע וואָכע[10]?

---

1 גאָלועך [גלוח]	бритый; *зд.* не придерживающийся традиционного образа жизни, приверженец «гасколы» — просвещения
2 יִדישער דײַטש	еврей, который ведёт себя как немец
3 פּייעס [פּאות]	пейсы — длинные пряди волос на висках, которые религиозная традиция запрещает стричь
4 קאַפּאָטע	сюртук
5 פּלאַצן פֿאַר געלעכטער	лопнуть от смеха
6 יִדישער גאָי, גאָישער יִיד	«еврейский нееврей, нееврейский еврей»
7 דאַפּקע [דווקא]	именно, как раз
8 מאָדנע	странный
9 מיט א סאַך [סך] פּאַסעכן [פּתח]	говорил «а» вместо «о», т. е. ближе к немецкому
10 נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס פֿיר סעדרע [סדרה] גייט דיזע וואָכע?	ну, дорогой мальчик, каку главу из Торы читают на этой неделе?

— כי־כי־כי! — האָב איך מיך צעלאכט און באהאלטן דאָס פּאָנעם אין האנט.

— זאגע־זאגע, מײַן ליבעס קינדכען, וואס פיר סעדרע גײט דיזע וואָכע?[1]

— כי־כי־כי! באָ־לאָ־ק[2]!!.. — האָב איך אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער[3] און בין אנטלאָפן געוואָרן.

נאָר דאָס איז אלץ געווען צום אָנהייב, ווען איך האָב אים נאָך גאָרניט געקענט; אָבער נאָכדעם, אז איך האָב מיך שוין גוט באקאנט מיט דעם דאָזיקן דײַטש הער הערץ הערצענהערץ, האָב איך אים אזוי ליב געקריגן[4], אז עס האָט מיך שוין מער נישט געארט, וואָס ער דאוונט נישט און עסט אומגעוואשן.

איין זאך האָב איך ניט געקאָנט פארשטיין: פארוואָס דער טאטע, וואָס איז געווען אן ערלעכער ייִד, א יעריי־שאָמאַיִם[5], האָט אים טאָמיד אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן[6], און אויך אלע אנדערע ייִדן, וואָס פלעגן ארײַנקומען צו אונדז אין שטוב ארײַן, פלעגן אים שטארק אָפּגעבן קאָוועד[7]:

— שאָלעם־אלייכעם, רעב הערץ הערצענהערץ, באָ־

---

1 זאגע־זאגע, מײַן ליבעס קינדכען, וואס פיר סעדרע גײט דיזע וואָכע?	Скажи-скажи, дорогое дитя, какую главу из Торы читают на этой неделе?
2 באָלאָק [בלק]	«Болок», название недельной главы из Торы
3 אויסשיסן מיט געלעכטער	прыснуть со смеху
4 ליב קריגן	полюбить
5 יעריי־שאָמאַיִם [ירא־שמיים]	богобоязненный
6 אָפּטרעטן דעם אויבנאָן	признавать превосходство
7 אָפּגעבן קאָוועד [כבוד]	воздать честь

רעכהאבאָ[1], רעב הערץ הערצענהערץ, זיצט, רעב הערץ הערצענהערץ!

איך האָב אפילע אמאָל א פרעג געטאָן דעם טאטן, האָט ער מיך אָפּגעשטופּט און האָט מיר געענטפערט:

— אוועק, סע ניט דײַן אײסעק[2]! וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ ארום, וועלכע שווארצע יאָר? קראנק ביסטו נעמען א סײפער אין האנט, הע־הע־הע!..

ווידער א סײפער? ריבוינעשעלוילעם[3]!.. איך וויל א ו י ך זען, איך וויל א ו י ך הערן, וואָס ער רעדט!

איך גײ ארײַן אין זאל און פארגאנווע זיך[4] אין א ווינ־קעלע און הער זיך צו, ווי מע רעדט בא אונדז, ווי דער הער הערץ הערצענהערץ לאכט אף א קאָל, און רײכערט גראָבע שווארצע „ציגײַערן", וואָס שמעקן מעכײַע־נעפאָשעס[5]... פלוצעם גײט צו צו מיר דער טאטע און לאָזט מיר אראָפּ א פּאטש[6].

— ביסט שוין ווידער דאָ? דו פּוסטעפּאסניק[7]! וואָס וועט זײַן פון דיר דער טאכלעס[8]? גוואלד, וואָס וועט זײַן פון דיר, הע־הע־הע!..

---

1 בּאָרעכ(ה)אבאָ [ברוך־הבא] — добро пожаловать (*букв.* благословен входящий)

2 אײסעק [עסק] — дело

3 ריבוינעשעלוילעם [ריבונו של עולם] — Боже мой! (*букв.* Владыка мира)

4 פארגאנווען זיך [פארגנבן] — прокрадываться

5 מעכײַע־נעפאָשעס [מחיה־נפשות] — удовольствие

6 אראָפּלאָזן א פּאטש — ударить, шлёпнуть

7 פּוסטעפּאסניק — бездельник, лодырь

8 טאכלעס [תכלית] — толк, прок

דער הער הערץ הערצענהערץ שטעלט זיך אײַן פאר מיר: „אבער לאסן זי אים! לאסן זי אים[1]!"

נאָר עס העלפט ניט. דער טאטע טרײַבט מיך ארויס. איך נעם „א סייפער" אין האנט, נאָר עס ווילט זיך פאָרט ניט קוקן אין סייפער ארײַן! וואָס טוט מען?.. איך גיי פון איין צימער אין דעם אנדערן, ביז איך קום צו דעם שענסטן פון אלע צימערן, דאָרט, ווו עס שלאָפט טאָמיד דער הער הערץ הערצענהערץ.

אך, ווי שיין, ווי ליכטיק דאָרט איז! די לאָמפּן ברענען און די שפּיגלען גלאנצן; אפן טיש — א גרויסער, א זילבער־נער טינטער מיט שיינע פענעס; מענטשעלעך מיט פערדע־לעך, מיט צאצקעלעך, מיט ביינדלעך, מיט שטיינדלעך און... א מעסערל!

אך, וואָס פאר א שיין מעסערל!..

ווען איך, אשטייגער[2], זאָל האָבן אזא מעסערל! ווי גליק־לעך וואָלט איך געווען! וואָס פאר מינים[3] זאכן וואָלט איך מיט דעם אויסגעשניצט!

אנו, מע דארף דאָס פּרוּוון — עס איז עפּעס שארף?.. אך! עס כאַפּט א האָר! עס האקט איבער א האָר! אײַ־אײַ־אײַ, א מעסערל!!..

איין מינוט — דאָס מעסערל איז בא מיר אין האנט. איך קוק זיך ארום אף אלע זײַטן און פּרוּוו זיך דאָס ארײַנגלייגן אף א מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע...

עס ציטערט מיר די האנט... עס קלאַפּט מיר דאָס הארץ אזוי שטארק, אז איך הער, ווי עס מאכט: „טיק־טיק־טיק!"...

---

1 לאסן זי אים — отпустите его

2 אשטייגער — к примеру, например

3 מינים [מיני́ם] — способы, виды; *зд.* разные

איך הער, ווי עמעצער גייט, עמעצער סקריפּעט מיט די שטיוול; דאָס איז ער, דער הער הערץ הערצעגהערץ!

אײַ־אײַ, וואָס טוט מען? דאָס מעסערל לאָז זײַן[1] בא מיר, איך וועל עס נאָכדעם צוריק אנידערלייגן. דערווײַל דארף מען ארויסגיין, אוועקגיין פונדאנען, אנטלויפן! אנט־לויפן! . . . .

. . . .

. . . .

איך קאָן שוין קיין וועטשערע[2] ניט עסן. די מאמע טאַפּט מיך באם קאָפּ. דער טאטע ווארפט אף מיר בייזע אויגן און שיקט מיך אָפּ שלאָפן... שלאָפן? איך קאָן דען צומאכן די אויגן? איך בין א טויטער!.. וואָס טוט מען מיטן מעסערל? וו?אזוי לייגט מען דאָס אנידער[3] צוריק?..

ג

— קום נאָר אהער, טאכשיט[4] מײַנער! — מאכט צו מיר אף מאָרגן דער טאטע. — האָסטו ניט געזען ערגעץ דאָס מע־סערל?..

טכילעס[5] בין איך געווען זייער דערשראָקן: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן[6], אז ער ווייסט, אז זיי ווייסן אלע... שיר־שיר[7] האָב איך זיך ניט ארויסגעכאַפּט[8]: האָ? דאָס מעסערל?

1 לאָז זײַן — пусть будет
2 וועטשערע — ужин
3 אנידערלייגן — положить
4 טאכשיט [תכשיט] — драгоценность, сокровище (*иронич.*)
5 טכילעס [תחילת] — сначала
6 אויסווײַזן זיך — показаться
7 שיר־שיר — едва, чуть
8 ארויסכאַפּן זיך — вырваться, проговориться

אָט איז דאָס... עס האָט מיך עפּעס ווי א ווארג[1] געטאָן אין האלדז, און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

— ווּ — וואָסער מעסערל?..

— „ווּ — וואָסער מעסערל"! דאָס גילדענע מעסערל! אונדזער אוירעכס[2] מעסערל! דו באָכערעץ[3], דו שייגעץ איינער, קכע־הע־הע!

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט[4] צום קינד? — מישט זיך ארײַן די מאמע. — דאָס קינד ווייסט ניט פון קיין פּוי־סער[5] און פון קיין כאָלעם[6], און ער דולט אים א ספּאָ־דעק[7]: מעסערל, מעסערל.

— „מעסערל, מעסערל"! וואָס הייסט, ער ווייסט ניט? — זאָגט דער טאטע מיט קאס. — א גאנצן פרימאָרגן הערט ער, ווי מע שרײַט „מעסערל! מעסערל, מעסערל!" מע קערט איבער[8] די שטוב נאָך דעם מעסערל, פרעגט ער: ווּ — וואָ־סער מעסערל? גיי שוין, גיי וואש זיך, דו פּוסטער באָכער[9] איינער, דו גאָ־אָי־עץ, קכע־הע־הע!

איך דאנק דיר, ריבוינעשעלוילעם, וואָס זיי האָבן מיך כאָטש ניט באזוכט[10]! נאָר וואָס טוט מען ווײַטער? מע באַ־דארף דאָס מעסערל באשטאטן[11] ערגעץ אף א גוט אָרט...

---

1 א ווארג טאָן — подавиться
2 אוירעך [ארח] — гость
3 באָכערעץ [בחורעץ] — паренёк
4 צוטשעפּען זיך — прицепиться
5 פּויסער [פּותר] — разгадка сна
6 כאָלעם [חלום] — сон
7 דולן א ספּאָדעק — морочить голову
8 איבערקערן — перевернуть
9 פּוסטער באָכער — пустой мальчишка
10 באזוכן — обыскивать
11 באשטאטן — поместить

װוּ באַהאַלט מען דאָס? אַהאַ, אױפֿן בוידעם! איך כאַפּ דאָס אַרויס פֿון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ[1] אין שטיװל אַרײַן... איך עס, און װײס ניט װאָס איך עס. איך װאַרג זיך[2]...

— װאָס כאַפּסטו זיך[3] אַזױ, װעלכע שװאַרצע יאָר? — פֿרעגט דער טאַטע.

— איך אײַל מיך אין חדר אַרײַן. — ענטפֿער איך אים, און פֿיל, אַז איך װער רױט, װי פֿײַער.

— אַ מתמיד[4] געװאָרן, װאָס זאָגסטו אױף דעם צדיק[5]? — װאָרטשעט[6] ער און קוקט אױף מיר בײז. קױם־קױם דערלעבט אָפּעסן[7], אָפּבענטשן[8].

— נו, פֿאַרװאָס גײסטו שױן ניט אין חדר, צדיק מײַנער? — פֿרעגט מיך דער טאַטע.

— װאָס טרײַבסטו אים אַזױ? — זאָגט אים די מאַמע. — לאָז דאָס קינד זיצן[9] אַ מינוט!

איך בין שױן אױפֿן בוידעם... װײַט, װײַט באַהאַלטן ליגט דאָס װײַסע מעסערל; עס ליגט און שװײַגט...

— װאָס קלעטערסטו[10] אױף בוידעמס? — שרײַט דער טאַטע. — דו יונגאַטש אײנער! קכע־הע־הע־הע!

---

1. אַ שטופּ טאָן — (за)толкнуть
2. װאַרגן זיך — подавиться
3. כאַפּן זיך — бросаться, кидаться
4. מאַסמיד [מתמיד] — усердный ученик
5. צאַדיק [צדיק] — праведник
6. װאָרטשען — ворчать
7. אָפּעסן — поесть
8. אָפּבענטשן — помолиться *(после еды)*
9. לאָז זיצן — дай посидеть
10. קלעטערן — карабкаться

— איך זוך דאָ עפּעס...— ענטפער איך אים און פאַל שיר נישט[1] אום פאַר שרעק.

— עפּעס? וואָס הייסט „עפּעס"? וואָס איז דאָס פאַר א מין „עפּעס"[2]!

— א... סיי־סייפער... א... א... אן אלטע גע־געמאָרע[3]...

— הא? א גע־געמאָרע? אפן בוידעם? א, דו היצל[4] איינער! קריך שוין אראָפּ, קריך, וועסט שוין לייזן! דו, הינטשלעגער[5], דו קאָלבויניק[6] איינער, קכע־הע־הע!

נאָר עס ארט מיך שוין ניט אזוי דעם טאטנס קאס, ווי סע ארט מיך דאָס, וואָס איך האָב מוירע, טאָמער געפינט מען דאָס מעסערל. טאָמער גראָד הײַנט קריכט מען ארויף אפן בוידעם[7], גרעט[8] אויסהענגען?

מע דארף דאָס פון דאָרטן אראָפּנעמען און באשטאטן אף א בעסער אָרט!.. איך גיי ארום אין איין ציטערניש[9]! יעדער קוק פונעם טאטנס אויגן ווײַזט מיר אויס, אז ער ווייסט שוין, אז אָט־אָט טוט ער מיך א כאפּ מיקויעך[10] דעם אוירעכס מעסערל...

איך האָב שוין אן אָרט אף דעם, א טײַער אָרט. ווו? אין

1	שיר נישט	чуть не
2	וואָס איז דאָס פאַר א מין „עפּעס"?	что это за «кое-что»?
3	געמאָרע [גמרא]	гемора, часть Талмуда
4	היצל; 5 הינטשלעגער	гицель, ловец бездомных собак
6	קאָלבויניק [כל בוניק]	мастер, знаток (*иронич.*)
7	בוידעם	чердак
8	גרעט	бельё
9	ציטערניש	дрожь, трепет
10	מיקויעך [מכוח]	о, об; из-за

דער ערד, אין א גריבל בא דער וואנט ארײַנגעשטעקט, און פון אויבן רעכט פארשארט מיט שטרוי, פאר א סימען[1]...

געקומען פונעם כיידער, כאפּ איך זיך באלד ארויס אין הויף ארײַן, איך נעם מיר פּאוואָלינקע[2] ארויס דאָס מעסערל און איך האָב קיין צײַט אפילע רעכט אָנשפּיגלען זיך אין דעם, הער איך שוין דעם טאטנס געפּילדער[3]:

— ווו ביסטו ערגעץ דאָרט? פארוואָס גייסטו שוין ניט דאוונען[4], דו וואסערפירער[5]! קכע־הע־הע!

נאָר וויפל דער טאטע יאָגט מיך, וויפל דער רעבע האר־געט מיך און שלאָגט מיך, איז דאָס בלאָטע קעגן יענעם פארגעניגן, וואָס איך האָב, בעשאס[6] איך קום פונעם כיידער און זע מיך מיט מײַן טײַערן, מײַן איינציקן ליבן כאווער[7] — מיט מײַן מעסערל!

דאָס פארגעניגן איז אָבער — אוי וויי! — אויסגעמישט מיט יעסורים[8], פארביטערט, מיט שרעק, מיט גרויסן, מיט גרויסן שרעק!

ד

זומער־לעבן. די זון זעצט זיך, די לופט ווערט עטוואָס קילער, דאָס גראָז שמעקט, די זשאבעס קוואקען און שטײ־קער כמארעס פלִיען דורך, אָן רעגן, פארבײַ דער לעוואָנע[9],

1	סימען [סימן]	знак, символ
2	פּאוואָלינקע	медленно, не спеша
3	געפּילדער	шум, гам
4	דאוונען	молиться
5	וואסערפירער	водовоз
6	בעשאס [בשעת]	в то время, как
7	כאווער [חבר]	товарищ
8	יעסורים [יסורים]	мучения
9	לעוואָנע [לבנה]	луна

ווילן זי אײַנשלינגען; די ווײַסע זילבערנע לעוואָנע באהאלט זיך אלע מינוט און באַווײַזט זיך ווידער, דאכט זיך, זי שוועבט און שוועבט — און שטייט אף איין אָרט.

דער טאטע זעצט זיך צו אפן גראָז אין א כאלאט, האלב נאקעט. ער האלט איין האנט אין בוזעם און מיט דער אנדערער האנט שארט[1] ער בא דער ערד און קוקט אפן אויסגעשטערנטן הימל און הוסט. דאָס פּאָנעם אקעגן דער לעוואָנע איז טויט, פארזילבערט.

ער זיצט פּונקט אף דעם אָרט, ווו דאָס מעסערל ליגט באגראָבן, און ער ווייסט גאָרניט, וואָס אונטער אים טוט זיך. אך, ווען ער זאָל, אשטייגער, וויסן! וואָס וואָלט ער געזאָגט? וואָס וואָלט איך געהאט?

„אהא, טראכט איך מיר אין הארצן, האָסט מיר פארוואָרפן מײַן האָרבאטע מעסערל, האָב איך איצט א ביסל א בעסערס, א שענערס! דו זיצסט אף דעם און דו ווייסט גאָרניט. אוי, טאטע! טאטע!...

— וואָס גלאָצסטו אף מיר די אויגן[2], ווי א קאָטער? — כאפּט מיך אָן דער טאטע. — וואָס זיצסטו צונויפגעלייגט די הענט, ווי א שטאָט־באלעבאָס[3]? קאָנסט זיך שוין גאָר קיין ארבעט ניט אָפּזוכן?

אלע, אלע זײַנען אצינד אין דרויסן. דער טאטע, די מאַמע, די קלענערע קינדער, וואָס זוכן קליינע שטיינדלעך און שפּילן אין זעמדעלעך[4]. דער הער הערץ הערצענהערץ דרייט זיך אויך ארום איבערן הויף אָן א היטל, רייכערט א „צייגײַער“ און זינגט א דײַטשיש לידל, קוקט אף מיר און לאכט...

---

1 שארן — шарить
2 גלאָצן די אויגן — таращить глаза
3 שטאָט־באלעבאָס [בעל־הבית] — городской хозяин
4 זעמדעלעך — песочек

דאָס לאכט ער פון מיר, אפּאָנעם[1], וואָס דער טאטע טרײַבט מיך. איך לאך אָבער פון זיי אלע. אָט באלד וועלן זיי אלע גיין שלאָפן, וועל איך מיך דעמלט ארויסכאפּן אין הויף ארויס (איך שלאָף אין הויז, פון פאָרנט, אף דער ערד, וואָרעם אין שטוב איז די היץ שרעקלעך גרויס), איך וועל מיך שוין אָנשפּיגלען אין מײַן מעסערל!..

דער אוילעם[2] שלאָפט. שא, שטיל ארום און ארום. פּאַוואָלינקע הייב איך מיך אוף אף אלע פיר, און שטיל, ווי א קאץ, גאנווע איך מיך ארויס[3] אין הויף ארויס. די נאכט איז שטיל, די לופט איז פריש, מעכײַע־נעפאָשעס.

פאמעלעך קריך איך צו צו יענעם אָרט, ווו דאָס מעסערל ליגט באגראָבן. פּאַוואָליע גראָב איך דאָס אויס פון דאָרטן און באטראכט דאָס בא דער לעוואָנע; עס גלאנצט, עס בלישטשעט, ווי גינגאָלד, ווי א ברילאנט. איך הייב אוף די אויגן ארוף און דערזע — די לעוואָנע קוקט גלײַך אראָפּ צו מיר, אף מײַן מעסערל... וואָס קוקט זי זיך אזוי אײַן? איך דריי מיך אויס צוריק — זי קוקט מיר נאָך... איך פארשטעל דאָס מעסערל מיטן העמדל — זי קוקט מיר נאָך.

זי ווייסט געוויס, וואָס דאָס איז פאר א מעסערל און ווו איך האָב דאָס גענומען... גענומען?.. איך האָב דאָס געגאַנוועט!

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט[4] דאָס מעסערל איז מײַנס, קומט מיר דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט אף די געדאנקען. געגאַנוועט? בין איך דאָך, הייסט דאָס, א גאנעוו! פאָשעט,

---

1 אפּאָנעם [פנים] — наверное
2 אוילעם [עולם] — зд. все
3 ארויסגאַנווענען [ארויסגנבֿענען] זיך — вылезать украдкой
4 פון זינט — с тех пор, как

א גאנעווו? אין דער טוירע שטייט געשריבן, אין די אסערעס־האדיבערס[1], מיט גרויסע אויסיעס[2]:

לוי סיגנויוו![3]

זאָלסט ניט גאנווענען! און איך האָב געגאנוועט! וואָס וועט מען מיר דערפאר טאָן אין גענעם[4]? אוי וויי! מע וועט מיר אָפּהאקן די האנט, די האנט, וואָס זי האָט געגאנוועט... מע וועט מיך שמײַסן מיט אײַזערנע ריטער[5]... מע וועט מיך בראָטן און ברענען אף הייסע סקאָווראָדעס... אייביק, אייביק וועל איך גליען...

מע באדארף אָפּגעבן דאָס מעסערל, מע באדארף אני־דערלייגן צוריק דאָס מעסערל, מע באדארף נישט קיין גנייוויש מעסערל! מאָרגן לייג איך אנידער צוריק דאָס מעסערל.

אזוי טראכט איך מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיך אין בוזעם ארײַן — פיל איך, אז סע בריט מיך, סע בראָט מיך. ניין, מע באדארף עס צוריק באהאלטן, באגראָבן אין דער ערד ארײַן ביז מאָרגן.

און די לעוואָנע פון אויבן קוקט אף מיר. וואָס קוקט זי? די לעוואָנע זעט, זי איז אן איידעס[6]... און איך קריך צו פּאַר־וואָלינקע צוריק אין הויז ארײַן אף מײַן געלעגער און לייג זיך שלאָפן און קאָן ניט אנשלאָפן ווערן. איך קאטשע[7] זיך פון איין זײַט אף דער אנדערער און קאָן ניט שלאָפן...

1 אסערעס־האדיבערס [עשרת־הדיברות] — десять заповедей (*основа иудаизма*)
2 אויסיעס [אותיות] — буквы
3 לוי סיגנויוו [לא תגנוב] — не укради
4 גענעם [גהנום] — геенна, ад
5 רוט — прут
6 איידעס [עדות] — свидетельство
7 קאטשען זיך — кататься, ворочаться

מיטן טאָג גלײַך שוין בין איך אנשלאָפן געוואָרן, און עס האָט זיך מיר געכאָלעמט[1] א לעוואָנע, און עס האָבן זיך מיר געכאָלעמט מעסערלעך...

גאנצפרי האָב איך זיך אופגעכאפּט, אָפּגעדאווּנט געשמאק מיט קאוואָנע און אָפּגעכאפּט דעם אָנבײַסן אף איין פוס — און מארש אין כיידער ארײַן.

— וואָס כאפּט דאָס דיך אזוי אין כיידער ארײַן? — שרײַט אף מיר דער טאטע. — וואָס יאָגט דאָס דיך אזוי? וועסט ניט אָנווערן די טוירע דײַנע שפּעטער אויך! בענטש בעסער, ווי עס קער צו זײַן, און היפּער[2] ניט קיין ווערטער! וועסט נאָך צײַט האָבן זײַן אויסגעלאָזט, דו הולטײַ[3] איינער, דו אפּיקוירעס[4], קכע־הע־הע!

ה

— וואָס עפּעס אזוי שפּעט? טו נאָר א קוק אהער! — האלט מיך דער רעבע פּיר און ווײַזט מיר אָן מיטן פינגער אף מײַן כאוּוער „בערל דעם רויטנס", וואָס שטייט אין א ווינקעלע מיט אן ארָאָפּגעלאָזטן קאָפּ. — זעסטו, ווײַסער־כעוורעניק? זאָלסטו וויסן זײַן, אז פון הײַנטיקן טאָג אָן און

1	כאָלעמען [חלומען]	сниться
2	היפּערן	пропускать
3	הולטײַ	лодырь
4	אפּיקוירעס [אפיקורס]	безбожник, атеист

ווײַטער איז שוין זײַן נאָמען ניט „בערל דעם רויטנס”, ווי ער האָט געהייסן ביז אהער. ניין! ער הייסט אצינד א שענערן נאָמען; אצינד הייסט ער: בערעלע דער גאנעוו! שרײַט זשע, קינדער: בערעלע דער גא־א־א־נעוו! בערעלע דער גא־א־א־נעוו!

די דאָזיקע ווערטער ציט אויס דער רעבע מיט א ניגן[1], און אלע טאלמידים[2] כאפּן אים אונטער:

— בערעלע דער גא־א־א־נעוו! בערעלע דער גא־א־א־נעוו!

איך בלײַב א פארשטיינערטער, און א פראָסט גייט מיר איבער אפּן לײַב. איך פארשטיי ניט, וואָס דאָס באטײַט...

— וואָס שווײַגסטו, דו שיינעץ איינער?.. — רופט זיך אָן דער רעבע צו מיר מיט אן אומגעריכטן פּאטש[3]. — וואָס שווײַגסטו, דו גאָיעץ? דו הערסט דאָך, אז אלע זינגען. העלף זינגען מיט אלע גלײַך: „בערעלע דער גא־א־א־נעוו, בערעלע דער גא־א־א־נעוו!”

עס ציטערן מיר הענט און פיס. עס קלאפּט מיר א צאָן אף א צאָן. נאָר איך העלף זינגען: „בערעלע דער גא־א־א־נעוו!”

— העכער, שייגעץ איינער! — טרײַבט מיך אונטער דער רעבע. — שטארקער! שטארקער!..

און איך מיטן גאנצן כאָר זינגען אף אלערליי קוילעס[4]: בערעלע דער גא־א־א־נעוו! בערעלע דער גא־א־א־נעוו!”...

ש־ש־ש־ש־א־א־א! — שרײַט אויס פּלוצעם דער רעבע און טוט א פּאטש מיט דער האנט איבערן טיש. — שא!

---

1 ניגן [נגון] — мелодия
2 טאלמידים [תלמידים] — ученики
3 אומגעריכטער פּאטש — неожиданный удар
4 קוילעס [קולות] — голоса

אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום „מישפעט"[1]. (מיט א ניגן.) אנו, בערעלע גאנעוו, קום נאָר אהער, מײַן קינד, גיכער זשע, גיכער א ביסעלע! זאָג נאָר, יינגעלע, וויאזוי רופט מען דיך! (מיט א ניגן.)

— בערל.

— וויאזוי נאָך? (מיט א ניגן.)

— בערל... בערל... דער... גאנעוו!

— אָט אזוי, מײַן ליב קינד, אָט אזוי ביסטו א וווילינגעלע[2]. (מיט א ניגן.) אַצינד, בערעלע, געזונט זאָלסטו מיר זײַן און שטארק אױף אלע אייוורים[3], (מיט א ניגן.) נעם, זײַ מויכל, בערעלע, און צי אראָפ פֿון זיך די מאלבושימלעך[4]. אָט אזוי! נו שוין, און גיכער שוין! איך בעט בא דיר, נו שוין, און גיכער שוין — אָט אזוי, בערעשי, מײַן טײַערער!

בערל בלײַבט שטיין נאקעט, ווי די מאמע האָט אים געהאט. קיין טראָפן בלוט איז אין אים ניטאָ. ער רירט ניט מיט קיין אייווער. די אויגן אראָפ. א געשטאָרבענער, א טויטער!..

דער רעבע רופט ארויס איינעם פֿון די גרעסערע טאלמידים, אלץ מיט א ניגן:

— אנו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאָר ארויס פֿונעם טיש, אהער, צו מיר, געשווינדער, אָט אזוי; און דערצייל אונדז די מײַסע פֿון אָנהייב ביזן סאָף, וויאזוי אונדזער בערעלע איז געוואָרן א גאגעוו. הערט, כעוורע, מיט קאָפ! און „הערשל דער גרויסער" הייבט אָן צו דערציילן א

---

1 מישפעט [משפט] суд
2 וווילינגעלע примерный мальчик
3 אייוורים [אברים] члены (*тела*)
4 מאלבושימלעך [מלבושים] одежонка

מײַסע, װי‌אַזױ בערל האָט זיך דערשלאָגן[1] צו א צדאָקע־פּושקע[2], װאָס זײַן מאמע װארפט אהין אלע פרײַטיק פאר ליכט־בענטשן[3] א קאָפּיקע, און אמאָל צװײ; װי‌אַזױ בערל האָט זיך דאָביװעט[4] צו דער דאָזיקער צדאָקע־פּושקע, אף װעלכער עס הענגט א שלעסעלע; װי‌אַזױ בערל האָט מיט א שטרױיעלע[5] מיט סמאָלע[6] ארױסגעשלעפּט פון דאָרטן אלע קאָפּיקעס אײנציקװײַז ביז לעצט; װי‌אַזױ די מאמע זײַנע האָט זיך געכאַפּט, געעפנט די דאָזיקע צדאָקע־פּושקע, דאָרט איז געלעגן א שטרױ, אײַנגעטונקען[7] אין סמאָלע; װי‌אַזױ די מאמע זײַנע האָט זיך געכאַפּט; װי‌אַזױ בערל האָט זיך באלד נאָך דער רעבנס שמיץ מודע געװען[8], אז א גאנץ יאָר, א קײַלעכיק[9] יאָר, האָט ער געשלעפּט פון דער צדאָקע־פּושקע די קאָפּיקעס; װי‌אַזױ ער האָט זיך יעדן זונטיק געקױפט צװײ לעקעכלעך; װי‌אַזױ... און אזױ װײַטער און װײַטער...

— אצינד, קינדער, מישפּעט אים! לאָז יעדער זאָגן זײַן מישפּעט, װאָס קומט א גאנעװ, װאָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָקע־פּושקע. הערשל דער קלײנער, זאָג דו צום ערשטן, װאָס קומט אזא גאנעװ, װאָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט א שטרױ פון א צדאָקע־פּושקע?

1	זיך דערשלאָגן	добиться, добраться
2	צדאָקע־פּושקע [צדקה]	шкатулка для сбора денег на благочестивые цели
3	ליכט־בענטשן	благословение при зажигании субботних свечей
4	זיך דאָביװען	заполучить
5	שטרױיעלע	соломинка
6	סמאָלע	смола
7	אײַנטונקען	обмакнуть
8	מודע [מודה] זײַן	признаться
9	קײַלעכיקער	круглый, целый

דער רעבע בייגט אײַן דעם קאָפּ אַף א זײַט, ער מאַכט צו די אויגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אויער צו הערשל דעם קלײנעם. הערשל דער קלײנער ענטפערט הויך, אַף א קאָל:

— א גאַנעוו, וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון א פּושקע, קומט... מע זאָל אים קאַטעווען ביז בלוט זאָל גיין[1].

— מוישל, וואָס קומט א גאַנעוו, וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון א צדקה־פּושקע?

— א גאַנעוו, — זאָגט מוישל מיט א וויינענדיק קאָל, — א גאַנעוו, וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון א צדקה־פּושקע, קומט, מע זאָל אים אַנידערלייגן, צוויי אַפן קאָפּ, צוויי אַף די פיס, און צוויי זאָלן אים שמײַסן מיט אײַנגעזאַלצענע ריטער[2]...

— טאַפּעלע טוטאַריטו! וואָס קומט א גאַנעוו, וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון א צדקה־פּושקע?

קאָפּל קוקאַריקו א ייִנגל, וואָס קאָן ניט אויסריידן קיין קוף און קיין גימל[3], ווישט אויס דאָס נעזל און זינגט זײַן מישפּעט מיט א קוויטש[4]:

— א דאַנעוו[5], וואָס שלעפּט טאַפּיטעס[6] פון א פּושטע, טומט[7] אים, אז אַלע ייִנדלעך[8] זאָלן צודיין[9] צו אים נאָענט

1 קאַטעווען ביז בלוט זאָל גיין — пороть, пока не пойдёт кровь

2 אײַנגעזאַלצענע ריטער — розги, вымоченные в солёной воде

3 ניט אויסריידן קיין קוף און קיין גימל — не выговаривал звуки «к» и «г»

4 קוויטש — писк, визг

5 דאַנעוו=גאַנעוו

6 טאַפּיטעס=קאַפּיקעס

7 טומט=קומט

8 ייִנדלעך=ייִנגלעך

9 צודיין=צוגיין

און זאָדן[1] אים דלײַך[2] אין פּאָנעם דרײַ מאָל אַף א טאָל[3]: דאנעוו! דאנעוו! דאנעוו!

איך כײדער ווערט א געלעכטער. דער רעבע נעמט זיך מיטן גראָבן פינגער[4] אונטערן גאָרגל, ווי א כאזן[5], און רופט מיך אוף מיטן ניגן, וואָס מע רופט אוף א כאָסן[6]:

— זאָג נאָר, דו, שאָלעמעני, מײַן טײַערינקער, דײַן מישפּעט, וואָס קומט א גאנעוו, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון א צדאָקע־פּושקע?

איך וויל ענטפערן — פּאָלגט[7] מיך ניט די צונג. איך ציטער, ווי אין א קאדאָכעס[8], עס ווארגט מיך אין האלדז. א קאלטער שווייס באשלאָגט מיך פון אויבן ביז אראָפּ. עס פײַפט מיר אין די אויערן.

איך זע שוין פאר זיך ניט דעם רעבן, ניט דעם נאקעטן „בערל דעם גאנעוו”, ניט קיין כאוויירים; איך זע פאר זיך נאָר מעסערלעך, אָן א שיר[9] מעסערלעך, ווײַסע, אָפּענע מעסערלעך, מיט א סאך קלינגלעך, און דאָרט, בא דער טיר, הענגט די לעוואָנע, זי שמייכלט און קוקט אף מיר, ווי א מענטש...

עס דרייט זיך מיר דעם קאָפּ, דער גאנצער כײדער, מיטן טיש, מיט די ספאָרים[10], מיט אלע כאוויירים, מיט דער לעוואָנע, וואָס הענגט אף דער טיר, און מיט אלע מעסער־

---

1 זאָדן=זאָגן
2 דלײַך=גלײַך
3 טאָל=קאָל
4 גראָבער פינגער — большой палец
5 כאזן [חזן] — кантор
6 כאָסן [חתן] — жених
7 פּאָלגן — *зд.* слушаться
8 קאדאָכעס [קדחת] — лихорадка
9 אָן א שיר — много
10 ספאָרים [ספרים] — религиозные книги

לעך... איך פיל, ווי די פיס ווערן מיר אונטערגעהאקט. נאָך א מינוט — פאל איך אום. נאָר איך שטארק זיך מיט אלע קויכעס[1] און האלט זיך איַין, איך זאָל ניט פאלן...

פארנאכט קום איך אהיים און פיל, אז דאָס פּאָנעם ברענט מיר, די בעקלעך פלאמען און אין די אויערן שומעט[2] מיר. איך הער, מע רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איך ניט. עפּעס זאָגט דער טאטע, עפּעס בייזערט ער זיך, וויל מיר געבן פּעטש; די מאמע שטעלט זיך איַין[3] פאר מיר, צע־לאָזט דעם פארטעך, ווי א קוואָקע[4] די פייגל, בעשאס[5] זי באשיצט אירע הינדלעך, מע זאָל זיי ניט אָנרירן צו שלעכטן[6]...

איך הער גאָרניט, איך וויל גאָרניט הערן. איך וויל נאָר, ס'זאָל שוין ווערן גיכער נאכט, איך זאָל קאָנען מאכן אן עק מיטן מעסערל... וואָס טוט מען מיט דעם? מוידע זיַין זיך און אָפּגעבן דאָס? ווען איך האָבן בערעלעס פּסאק[7]. אונטער־ווארפן דאָס? טאָמער כאפּט מען מיך... פארווארפן, און אן עק. אבי פּאָטער ווערן[8]! וווהין פארווארפט מען דאָס, אז מע זאָל דאָס ניט געפינען?

אפן דאך? וועט מען הערן א קלאפּ. אין גאָרטן? וועט מען דאָס געפינען. אהא! איך ווייס שוין, איך האָב אן

1 קויכעס [כוחות] — силы
2 שומען — шуметь
3 איַינשטעלן זיך — заступаться
4 קוואָקע — курица
5 בעשאס [בשעת] — в то время, как
6 מע זאָל זיי ניט אָנרירן צו שלעכטן — чтобы им никто не причинил вреда
7 פּסאק [פּסק] — приговор суда
8 אבי פּאָטער ווערן — лишь бы избавиться

אייצע[1]: אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן! אַ טײַערע אייצע, כּלעבן[2] — אין וואַסער אַרײַן, אין ברונעם, טאַקע אָט דאָ באַ אונדז אַפֿן הויף!..

דער דאָזיקער געדאַנק געפֿעלט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך וויל גאָר לאַנג נישט קלערן. איך כאַפּ דאָס מעסערל און לויף גלײַך צום ברונעם, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין די הענט ניט קיין מעסערל, נאָר עפּעס אַ מיִעס־קײַט, אַ מין שערעץ[3], פֿון וועלכן עס ווילט זיך מיר וואָס גיכער צו באַפֿרײַען זיך, פּאָטער ווערן. נאָר סע טוט מיר באַנג[4] — אַזאַ טײַער מעסערל. אַ מינוט שטיי איך פֿאַר־טראַכט, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין האַנט אַ לעבעדיקע זאַך... דאָס האַרץ טוט מיר וויי אויף דעם: סטײַטש[5], סטײַטש, עס קאָסט מיך אַזויפֿיל מי!

איך נעם זיך אָן מיט האַרץ און לאָז דאָס מיטאַמאָל אַרויס פֿון די פֿינגער — „פּליוך!”... עס טוט אַ פּלעשטשע דאָס וואַסער, און מער הערט מען נישט...

ניטאָ קיין מעסערל!

איך שטיי נאָך אַ מינוט באַם ברונעם און הער זיך צו — מע הערט גאָרנישט. דאַנקען גאָט, פּאָטער געוואָרן! כאָטש דאָס האַרץ קלעמט מיר, טוט מיר וויי: „סטײַטש, אַזאַ מע־סערל, אַזאַ מעסערל!”...

איך גיי צוריק צו מײַן געלעגער און זע, ווי די לעוואָנע קוקט מיר נאָך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט געזען

---

1 אייצע [עצה] — совет
2 כּלעבן — пожалуй
3 שערעץ [שרץ] — нечисть
4 באַנג טאָן — переживать, мучиться
5 סטײַטש — обожди, погоди

אלץ, וואָס איך האָב דאָ געטאָן, און איך הער ווי א קאָל פונ־וויַיטנס:

„אָבער דו ביסט פּאָרט א גאנעוו[1].. כאפּט אים, קלאפּט אים, ער איז א גאנעוו! א גא־א־א־נעוו!!!"

איך גאנווע זיך אריַין צוריק אין הויז אריַין און לייג זיך שלאָפן, און עס כאָלעמט זיך מיר, אז איך לויף, איך שוועב, איך פלי אינדערלופטן מיטן מעסערל, און די לעוואָנע קוקט אף מיר און זאָגט: „כאפּט אים! קלאפּט אים! ער איז א גאנעוו! א גא־א־א־נעוו!!!".

ו

א לאנגער, לאנגער שלאָף! א שווערער, זייער א שווערער כאָלעם! עס ברענט אין מיר א פיַיער. עס זשומעט מיר אין קאָפּ. אלץ, וואָס איך זע, איז רויט, ווי בלוט. ברענענדיקע ריטער פון פיַיער קאטעוועז מיַין לייַב, און איך קאטשע זיך אין בלוט. ארום מיר דרייען זיך שלאנגען און עגדעשן[2]; זיי האלטן אָפן זייערע מיַילער און ווילן מיך איַינשלינגען...

גליַיך אין אויער אריַין הער איך א בלאָז: — טהור־טור־טור־טור[3]! און איינער שטייט איבער מיר און שריַיט אף א קאָל מיט א ניגון, צום טאקט: „שמיַיסט אים! שמיַיסט אים! שמיַיסט אים! ער איז א גא־א־א־נעוו!!!" און אליין שריַי איך: „גוואלד, נעמט צו פון מיר די לעוואָנע! גיט איר אָפּ דאָס מעסערל!

---

1 דו ביסט פּאָרט א גאנעוו — ты действительно вор
2 עגדעש — скорпион
3 טהור־טור־טור־טור — трубный звук шофара, призывающий грешников к покаянию

וואָס האָט איר צו בערלען נעבעך[1]? ער איז ניט שולדיק — דאָס בין איך א גא־א־א־נעוו! א גא־א־א־נעוו!״...

און ווײַטער געדענק איך ניט.

. . . .

איך עפן אויף איין אויג, און דאָס אנדערע אויג... ווו בין איך? דאכט זיך, אף א בעט? וואָס טו איך דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אף א בענקל, באם בעט?

אי! דאָס ביסטו, מאמע? מאמע!.. זי הערט מיך ניט!.. מא־מע! מאמע! מא־א־א־מע!!!.. וואָס הייסט דאָס? מיר דאכט, אז איך שרײַ אף א קאָל?.. שאַ! איך הער זיך צו — זי וויינט? זי וויינט שטילערהייט. אויך זע איך דעם טאטן מיט זײַן געל קרענקלעך פּאָנעם. ער זיצט איבער א סייפער און זאָגט עפּעס שטילערהייט און הוסט און זיפצט און קרעכצט...

עס ווײַזט אויס, אז איך בין שוין געשטאָרבן... גע־שטאָרבן?.. מיטאמאָל פיל איך, ווי עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אין קאָפּ, גרינג אין אלע אייוורים. עס קלינגט מיר אין איין אויער, אינעם אנדערן אויער: דזינ־נ־נ־ן!!! איך גיב א ניס[2]: אפּצשי!..

— צו געזונט! צו אריכאס־יאָמים[3]! צו לאַנגע יאָרן! א סימען־טאָוו[4]! מאזלטאָוו[5]! געלויבט ביסטו, גאָט!

מע דרייט זיך ארום מיר, מע קוקט אף מיר. יעדער גייט צו און טוט מיך א טאפּ באם קאָפּ. מע שפּרעכט מיך, מע שעפּטשעט מיך, מע לעקט מיר דעם שטערן און מע שפּײַט

---

1 נעבעך — бедняжка

2 א ניס געבן — чихнуть

3 אריכאס־יאָמים [אריכת־ימים] — долгие годы (*букв.* дни)

4 סימען־טאָוו [סימן טוב] — поздравляю (*букв.* добрый знак)

5 מאזלטאָוו — поздравляю (*букв.* доброе расположение звёзд)

אויס[1], און מע פּילנעוועט[2] מיך: מע גיסט מיר אין מויל אַרײַן זודיקע יויך[3] און מע שטופּט מיר מיט לעפּעלעך אײַנגעמאַכטס[4] — אַלע דרייען זיך אַרום מיר, מע היט מיך אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון עם אויג, מע האָדעוועט[5] מיך מיט יויכלעך[6] און מיט קאַטשקעלעך[7], ווי אַ פּיצעלע קינד, און מע לאָזט מיך נישט אַליין.

עס זיצט טאָמיד נעבן מיר די מאַמע און דערציילט מיר איבער אַלעמאָל איבעראַנײַס די גאַנצע געשיכטע, וויאַזוי מע האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד קימאַט אַ טויטן; וויאַזוי איך בין געלעגן צוויי וואָכן קעסיידער[8] אין אַ העלישן[9] פֿײַער און האָב נאָר געקוואַקעט, ווי אַ זשאַבע, און עפּעס קעסיידער גערעדט פֿון שמיץ[10] און פֿון מעסערלעך... מע האָט שוין גערעכנט, אַז איך בין שוין כאָלילע[11] געשטאָרבן... און נאָכדעם, פּלוצעם, האָב איך אַ ניס געגעבן זיבן מאָל, מאַמעש פֿון טויט לעבעדיק געוואָרן...

— הײַנט זעען מיר, וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן! — לאָזט אויס די מאַמע מיט טרערן אויף די אויגן. — שיר־שיר נישט אָנגעווירן, פֿאַרזינדיקט אַ קינד כאָלילע, מיר זאָל זײַן

1	אויסשפּײַען	выплюнуть
2	פּילנעווען	стеречь, беречь
3	זודיקע יויך	горячий бульон
4	אײַנגעמאַכטס	варенье
5	האָדעווען	кормить
6	יויכל	бульон
7	קאַטשקעלעך	утки
8	קעסיידער [כּסדר]	постоянно
9	העלישער	адский
10	שמיץ	порка
11	כאָלילע [חלילה]	не дай бог

פאר דײַנע ביינער[1]. איבער וועמען? איבער וואָס? איבער א יינגל, א גאנעוו, עפּעס א בערעלע, וואָס דער רעבע האָט פארשמיסן אין כיידער ביזן בלוט ארײַן. אז דו ביסט געקומען צו גיין[2] פון כיידער, ביסטו שוין געוועזן א טויטער, דער מאמע זאָל זײַן פאר דיר! דאָס איז א רעצייעך[3], דאָס איז א גאזלען[4], גאָט זאָל אים באצאָלן, ריבוינעשעלוילעם!.. ניין, מײַן קינד, אז גאָט וועט אונדז שענקען דאָס לעבן און דו וועסט אופשטיין געזונטערהייט, וועלן מיר דיך שוין אָפּגעבן צו אן אנדערן מעלאמעד, ניט אזא קאט, אזא רעצייעך, ווי אָט דער רעבע.

די דאָזיקע נײַס איז בא מיר שרעקלעך אָנגעלייגט! איך כאפּ ארום די מאמע קושן:

— טײַערע, טײַערע מאמע!..

און דער טאטע גייט צו צו מיר פּאוואָליע, לייגט ארויף זײַן בלייכע קאלטע האנט מיר אפן שטערן און זאָגט צו מיר שוין ווייך, אָן א שום קאס:

— אײַ, האָסטו אונדז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ[5] אייינער, קכע־הע־הע־הע!

אויך דער יידישער דײַטש, אָדער דער דײַטשישער ייד, הער הערץ הערצענהערץ, מיט א „ציגײַער" אין די ציין, בייגט זיך אָן מיט זײַן געגאָלטער מאָרדע[6] איבער מײַן בעטל און טוט מיך א גלעט איבערן בעקל און זאָגט אף דײַטש:

— גוט, גוט! געזונט, געזונט!..

---

1 מיר זאָל זײַן פאר דײַנע ביינער — пусть тебя обойдёт стороной беда

2 קומען צו גיין — приходить

3 רעצייעך [רוצח] — убийца, разбойник

4 גאזלען [גזלן] — разбойник, бандит

5 שקאָץ [שקץ] — балбес, хулиган

6 געגאָלטע מאָרדע — бритое лицо

* * *

אין א פּאָר וואָכן ארום נאָך מײַן אופשטײן פון בעט רופט זיך אָן צו מיר דער טאטע:

— נו, מײַן זון, אצינד גײ אין כײדער ארײַן, און האָב שוין מער ניט אין זינען קײן מעסערלעך מיט קײן נאריש־קײַטן... שוין צײַט, זאָלסט שוין אָנהייבן ווערן א שטיקל מענטש: איבער דרײַ יאָר ווערסטו שוין בארמיצווע[1], צו הונדערט און צוואנציק יאָר, קכע־הע־הע!

מיט אזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאטע ארויס אין כײדער ארײַן צום נײַעם מעלאמעד. דאָס ערשטע מאָל הער איך פון מײַן בײזן טאטן אזעלכע גוטע ווײכע ווערטער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים ארומ־געכאפּט קושן, נאָר, כי־כי־כי — ווי?אזוי קושט מען א טאטן?..

די מאמע גיט מיר מיט אין כײדער ארײַן א גאנצן עפּל מיט צווײ גראָשן, און אויך דער דײַטש שענקט מיר א פּאָר קאָפּיקעס מיט א קניפּ אין בעקל, רעדט אף זײַן שפּראַך:

— היפּשער קנאבע[2]! גוט, גוט!..

איך נעם די געמאָרע אונטער דער האנט און גײ אין כײדער ארײַן, ווי א נײַ־געבוירענער, מיט א רײן הארץ, א גרינג הארץ, מיט א לויטערן, קלאָרן קאָפּ, מיט נײַע געדאנ־קען, מיט פרישע, ערלעכע, פרומע געדאנקען.

---

1 בארמיצווע [בר־מיצווה] — бармицва, совершеннолетие согласно религиозной традиции (13 лет для мальчиков)

2 היפּשער קנאבע — хороший мальчик

די זון קוקט אראָפּ און גריסט צו מיר מיט אירע וואַרע־מע שטראַלן. עס הייבט מיך, עס טראָגט מיך אינדערלופטן, עס ווילט זיך מיר לויפן, שפּרינגען, טאַנצן — אַך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אַז מע לעבט און מע איז אַן ערלעכער, מע איז ניט קיין גאַנעוו, ניט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו די געמאָרע צום האַרצן שטאַרק־שטאַרק, און לויף אין כיידער אַרײַן געשמאַק־געשמאַק[1], און איך שווער בא דער געמאָרע, אַז איך וועל קיינמאָל, קיינ־מאָל ניט זאַטשעפּען[2] קיין פרעמדס, קיינמאָל, קיינמאָל ניט גאַנווענען, קיינמאָל ניט לייקענען[3], טאָמיד זײַן אַן ערלעכער, אַן ערלעכער, אַן ערלעכער...

● ● ●

---

1 געשמאַק־געשמאַק — с удовольствием
2 זאַטשעפּען — зацепить
3 לייקענען — отрицать, опровергать

ПЕРЕЦ МАРКИШ
(1895—1952)

Родился в местечке Полонное на Волыни в семье ремесленника. Первые стихи на идиш опубликованы в 1917 году. С 1918 был тесно связан с киевской группой еврейских поэтов. В 1919 вышла первая книга его стихов «Пороги» («Швелн»), сразу выделившая его среди других молодых еврейских поэтов.

В 1921 году Перец Маркиш уехал в Польшу, сотрудничал в различных литературных изданиях, в том числе советских и американских. Писал стихи, статьи о литературе и театре, много ездил по Европе, побывал в Палестине.

В 1926 году Маркиш вернулся в СССР, где стал одним из ведущих деятелей еврейской культуры. Помимо лирики, писал сюжетные поэмы, драмы, прозаические произведения, был редактором литературных альманахов.

В сороковые годы центральной темой в творчестве Переца Маркиша становится тема войны, фашистский геноцид по отношению к еврейскому народу. В это время он пишет свой большой роман «Поступь поколений», изданный после его смерти. Перец Маркиш был одним из основоположников советской еврейской литературы, пользовался огромной популярностью среди своих современников.

Вместе с другими членами Еврейского антифашистского комитета, крупнейшими советскими еврейскими литераторами и общественными деятелями Перец Маркиш стал жертвой сталинского уничтожения еврейской культуры в СССР. Он был расстрелян по ложному обвинению в 1952 году.

פּערעץ מאַרקיש

אַ פראַגמענט פונעם ראָמאַן „טראָט פון דורעס“

— מאזלטאָוו![1] — האָט זיך מיט געשטיקטער[2] פֿײַער־לעכקײַט געטראָגן פרייד פון איין פּאָר אויגן צו די אַנדערע, וואָס האָבן געלויכטן פון גליק. — מאזלטאָוו מיט דעם ערשטלינג[3].

— מיט דעם בכאָר[4], — האָבן איינע אויסרופן איבער־געשטיגן[5] די אַנדערע.

אין קעלער, אונטער דעם אײַנגעוואַלגערטן[6] הויז, וווהין מע האָט געקאָנט דורכגיין דורך לייווי סאַנדלערס ביבליאָ־טעק, איז פונעם פּרימיטיוון דרוק־וואַרשטאַט אַראָפּגעגאַנ־גען דער ערשטער בלאַנק פאַר פּאַספּאָרטן, וואָס זײַנען גע־דרוקט געוואָרן אין געטאָ.

1 מאַזלטאָוו [מזל טוב]	поздравляю (*букв.* благоприятное расположение звёзд)
2 געשטיקטער	приглушенный
3 ערשטלינג	первенец
4 בכאָר [בכור]	первенец
5 איבערשטײַגן	*зд.* перебивать
6 אײַנוואַלגערן	валить

בא די אונטערערדלער איז געווען זייער א געהויבענע שטימונג[1] צוליב דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער געשעניש.

— איצט וועלן מיר קאָנען קאָנקורירן מיט דער גובערנאטאָרשאפט, — האָט זיך געוויצלט[2] אלעקסאנדער, — בא אונדז וועט עס קאָסטן א סאך ביליקער. באזונדערס פאר אונדזער א מענטש.

— מיר האָבן, אייגנטלעך[3], פריִער אויך קאָנקורירט, — האָט אים פאריכט[4] טאדעוש. — קיין טאָלק איז נאָר פון דער דאָזיקער קאָנקורענץ ניט געווען.

מיט פאַרכטיקײַט[5] און מיט שטאָלץ האָט מען אים באטראכט, דעם נאָרוואָס אָפּגעדרוקטן בלאנק, און זיך אליין געכידעשט[6] אף דעם, וויאזוי מײַסטעריש ער איז אויסגעפילט געוואָרן.

די בעסטע גראווירער פון דער געטאָ האָבן ארײַנגעלייגט אין דער דאָזיקער ארבעט די קאוואָנע[7] פון זיידעס, וואָס האָבן געשריבן סייפערטוירעס[8]. און ווען דער ערשטער פאספּאָרט־בלאנק איז אראָפּ פונעם געשטעל, האָט זיך יעדן איינעם פון די אונטערערדלער געדאכט, אז די בוכשטאבן לויכטן זיך.

---

1 א געהויבענע שטימונג — приподнятое настроение
2 וויצלען זיך — шутить
3 אייגנטלעך — собственно говоря
4 פאריכטן — поправлять, исправлять
5 פאַרכטיקײַט — *зд.* благоговение
6 כידעשן [חידשן] זיך — удивляться
7 קאוואָנע [כוונה] — *зд.* старание, стремление
8 סייפערטוירע [ספר־תורה] — свиток Торы

נאָר דער הויפט־מעכוטן[1] פון דעם דאָזיקן יאָמטעוו[2], מישע בארלעווי, האָט נאָך אלץ ניט געגלייבט זײַנע אייגע־נע אויגן, צי האָט ווירקלעך די דרוקערײַ שוין געגעבן די ערשטע פרוכט. ער האָט געקוקט אף דעם בלאנק, ווי אף א לעבעדיקער זאך, וואָס איז זייער שווער געגאנגען אף דער וועלט. דאָס האָט ער אין לאנגע שלאָפלאָזע נעכט צונויפגע־זאמלט א שרײַפעלע[3] צו א שרײַפעלע, א שטיפט צו א שטיפט. דאָס האָט ער קיין רעגע מענוכע ניט געוווסט[4], ביז אָט די דאָזיקע אונטערערדישע אימפראָוויזאציע איז ניט גע־שטאנען אף פעסטע פיס. און נאָך איידער מע האָט דערזען דעם ערשטן לעבעדיקן אָס[5], איז ער, בארלעווי, שוין געווען אינגאנצן אײַנגעטונקען[6] אין טיפאָגראפישער פארב און האָט געשראָקן מענטשן. עס האָט זיך געדאכט, אז ער שוויצט ניט מיט שווייס, נאָר מיט פארב. די באקן, דער שטערן. פון די הענט איז שוין אָפגערעדט[7]. דאָס איינציקע, וואָס האָט אף זיך ניט געטראָגן קיין פארב, איז געווען זײַן פענסנע.

דעם ערשטן אָפצוג[8] פונעם בלאנק האָט ער צוגעטראָגן

---

1 הויפט־מעכוטן [מחותן] — *зд.* главный виновник
2 יאָמטעוו [יום־טוב] — праздник
3 שרײַפעלע — винтик
4 קיין רעגע [רגע] מענוכע [מנוחה] ניט געוווסט — не знал ни минуты покоя
5 אָס [אות] — буква
6 איינטונקען — обмакивать
7 פון די הענט איז שוין אָפגערעדט — не говоря уже о руках
8 אָפצוג — оттиск

נאָענט צו די אויגן. אראָפּגעכאַפּט די פּענסנע, געקוקט לאַנג — אי אף די אויס:עס, אי אף די ליניעס, אי אפן פּאַפּיר, אי דורכן פּאַפּיר. און כאַווייִרים, וואַרטנדיק, ער זאָל זיי אויך לאָזן א קוק טאָן, האָבן אים געוואָרנט:

— מישע, האַלט ניט אַזוי נאָענט דעם בלאַנק, האָסט שוין אף אים אָפּגעשטעמפּלט די נאָז.

איצט, ווען אַלע האָבן אין איין קאָל באַגיטיקט[1] די פּראָדוקציע און באַוווּנדערט איר פּולקומקייט, האָט ער אויסגעקנייטשט[2] דעם שטערן און אָנגעשפּיצט[3] די נאָז, קוקנדיק אף אַלעמען מיט מידע, נאָר בליאַסקענדיקע[4] שוואַרצע אויגן:

— איז זאָגט איר, אַז מיר האָבן זיך טאַקע ניט וואָס צו שעמען?

אַלע האָבן צופרידן געשאָקלט[5] מיט די קעפּ, צופּינטלענדיק[6] מיט האַלב־צוגעמאַכטע מעווינישע[7] אויגן, און באַרלעווי האָט זיך געהאַלטן אין איין פרעגן[8]:

— הייסט עס, קאָשער[9]?

ער האָט ווידעראַמאָל אַראָפּגענומען די פּענסנע און אויסגעווישט די אויגן. זיי זײַנען געווען פײַכט פון דעם גליק, וואָס די דרוקערײַ איז דאָך באַשאַפן געוואָרן[10] און

---

1 באַגיטיקן — одобрять
2 אויסקנייטשן — нахмурить, наморщить
3 אָנשפּיצן — навострить
4 בליאַסקענדיקער — блестящий
5 שאָקלען — качать, шатать
6 צופּינטלענדיק — моргая
7 מעווינישע [מבינישע] — понимающий
8 האָט זיך געהאַלטן אין איין פרעגן — всё время спрашивал
9 הייסט עס, קאָשער? [כשר] — ну что, годится?
10 איז... באַשאַפן געוואָרן — создан

אלע שטייען ארום איר, ווי ארום א לעבעדיקער, און גיבן זיך אָפּ מאזלטאָוו.

טאדעוש האָט פארקנייטשט[1] איין אויג:

— אויב ס'וועט בא אונדז ארויסקומען אויך מיט געווער, וועט דער ווארשעווער גאולייטער אינגיכן פארלירן דעם שלאָף.

און ווען אלע האָבן זיך שוין געהאט ארויסגעזאָגט און באקוקט דעם ערשטן, דעם פרישן, שמעקנדיקן בלאנק און אים באגיטיקט אי מיט א קרעכץ[2], אי דורך א פינטל מיטן אויג, האָט מען אין א צושטאנד פון הויכער פײַערלעכקײַט זיך אוועקגעזעצט ארײַנשרײַבן אין אים פאר טאדעושן א ייִדישן נאָמען און פאמיליע.

אלע האָבן זיך אָנגעלענט[3] אפן טיש, וואָס פון אים האָט אראָפּגעלויכטן דער בלאנק. יעדער איינער האָט דערפילט צו דעם טינטער[4] א מאָדנע[5] נאָענטקײַט, און אלע האָבן געקוקט, ווי די פריילעכע טאסיע לאָזט אראָפּ די פען אין טינטער און הייבט זי אויף, און דעמלט האָט בארלעווי א שמייכל געטאָן צו דער שרײַבערקע און זיך איבערגעוווּנקען מיט אלעמען:

— נו, ווע׳קאָריי שמוי[6]?

אלע זײַנען געבליבן שטיל[7]. אלע האָבן אופגעהויבן די קעפּ אף טאדעושן.

1 פארקנייטשן — скривить
2 קרעכץ — стон
3 אָנלענען זיך — опереться
4 טינטער — чернильница
5 מאָדנער — странный
6 ווע׳קאָריי שמוי? [ויקרא שמו] — как его назвать?
7 בלײַבן שטיל — замолчать, затихнуть

— איז וואָס פאַר אַ נאָמען פאַרלאַנגסטו, טאַדעוש? — האָט זיך אָנגערופן עמעצער. — טאַסיע ווארט.

טאַסיע איז געווען די שריפט־פירערן אין דער דאַזיקער אונטערערדישער גרופּע. זי האָט באַזעסן[1] יידיש, פּויליש, העברעיש, דײַטש און רוסיש. און כוץ[2] די דאַזיקע אַלע שפּראַכן האָט זי אַליין אויסגעטראַכט נאָך אַ שפּראַך, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין קאָמבינאַציע פון העברעיש און רוסיש. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיק־פאַרשיפרירט לאָשן[3], וואָס דורך דעם האָט טאַסיע צו וויסן געגעבן דער דרויסנדיקער וועלט[4] וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן אין געטאָ. אין די אומרויִקע טעג פון ערעוו[5] דער ערשטער ליקווידאַציע האָט טאַסיע אויף דער דאַזיקער שפּראַך, וואָס זי האָט אַליין צונויפגעשטעלט, אָנגעשריבן אַ בריוו צו די פרײַנט מיכוץ־לאָאָרעץ[6]. דאָס איז געווען דער ערשטער געשריי פון דער געטאָ וועגן דער אָנגרײַפנדיקער אויסראָטונג פון די יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ. [...]

— וואָס הייסט — וואָס פאַר אַ נאָמען ער פאַרלאַנגט? מע קאָן דאָך איבערזעצן טאַדעוש אויף יידיש, און אָט האָט איר אײַך אַ סאָף[7] מיט דער פראַגע!

— נו, ברידער, איבערזעצן טאַדעוש אויף יידיש דאַרף מען האָבן שאָלעם־אַלייכעמען, — האָט אַלעקסאַנדער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו טאַסיען און, הינטערווײַלעכס, געכאַפּט

1 באַזעסן — владеть
2 כוץ — кроме
3 לאָשן [לשון] — язык
4 דרויסנדיקע וועלט — внешний мир
5 ערעוו [ערב] — накануне
6 מיכוץ־לאָאָרעץ [מחוץ־לארץ] — за границей
7 סאָף [סוף] — конец

א קוק[1] אַף טאַדעושן, — עמעצער אַנדערש וועט אַזאַ איבער־צוצונג ריכטיק ניט קענען מאַכן.

— געוויס, — האָט באַרלעווי מאַסקים געווען[2], — וואָלט שאָלעם־אַלייכעם איבערגעזעצט[3] טאַדעוש אַזוי, אַז קיין איין קישעפמאַכער[4] אין דער וועלט וואָלט זיך ניט געקאָנט אָנ־שטויסן[5], וואָס איז דאָס אַזוינס געווען. אַשטייגער, ווי מע קאָן זיך ניט אָנשטויסן, אַז פּילאַרעט קומט אַרויס פֿון כאַ:ם. אָבער דו, טאַסיע, קאָנסט דאָך אויך עפּעס דעם קישעף[6]... איז גיב אַ נעם אַ נאָמען[7], כ׳ווייס, נו, זאָל זײַן פֿון די שוואָ־טים[8].

און ווען אַפֿן בלאַנק האָט אַ גלאַנץ געטאָן טאַדעושעס ייִדישער נאָמען און פֿאַמיליע, האָט יעדער איינער פֿון דער אונטערערדישער גרופּע גענומען מיט אַ באַזונדער נײַגער[9] דעם פּאַספּאָרט אין האַנט און אים פֿונדאָסניי באַטראַכט.

1	כאַפּן אַ קוק	взглянуть
2	מאַסקים [מסכים] זײַן	согласиться
3	וואָלט שאָלעם־אַלייכעם איבערגעזעצט	Шолом-Алейхем перевёл бы...
4	קישעפמאַכער [כּישוף־מאַכער]	колдун, волшебник
5	אָנשטויסן	наткнуться; догадаться
6	קישעף [כּישוף]	колдовство
7	גיב אַ נעם אַ נאָמען	возьми-ка себе имя
8	שוואָטים, שייוועט [שבט]	колена (племена); (*зд.* двенадцать колен Израилевых, потомки сыновей Иакова)
9	נײַגער	любопытство

— נו? — האָט טריִומפירט טאַסיע. — דער דרײַצנטער שײוועט[1], האַ?

— אָט איצט איז עס אַ קײלע[2], — האָט ניט אופגעהערט קנײטשן דאָס אויג אַלעקסאַנדער.

ער האָט באַלמעלאָכיש[3] אַ טאַפּ געטאָן[4] דעם בלאַנק, אים נאָכאַמאָל באַטראַכט אַף דער ליכט, זיך אײַנגעקוקט אין דער גראַפישער אויספילונג און זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן[5]:

— מישע, מיט אַזאַ פּראָדוקציע קאָנסטו זיך פעסט אַוועקזעצן אין מאַגיסטראַט.

באַרלעווי האָט גענומען פון אַלעקסאַנדערס הענט דעם פּאַספּאָרט און זיך אַלײן געשטעלט אים נאָכאַמאָל באַטראַכטן אי מיט אײן אויג, אי מיט בײדע, אי אַ ביסל סקעפּטיש, אי מיט אַ ביסל באַוווּנדערונג, און זיך אָנגערופן, אײבערגעבנדיק דעם נאָרוואָס אָפּגעבאַקענעם דאָקומענט:

— פאַראַנען מער האָפענונג אַף זיך זעצן אין געסטאַפּאָ, אײדער אין מאַגיסטראַט. אַזוי דאַכט זיך מיר. נאָר ס'מאַכט ניט אויס[6]. אַ בראָכע[7] אַפן דרײַצנטן שײוועט קאָן מען מאַכן.

און ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט צוזאַט[8] אָנגעקוקט אינעם דאָקומענט און אים אָפּגעשאַצט און דערזען זײערע אײגענע צוקינפטיקע געענדערטע נעמען אַף אַזעלכע־אָ

---

1 דער דרײַצנטער שײוועט — тринадцатое колено (юмор; см. прим. 8 к с. 55)

2 קײלע [כּלי] — инструмент; *зд.* вещь

3 באַלמעלאָכיש [בעל־מלאכה] — *зд.* со знанием дела

4 אַ טאַפּ טאָן — потрогать

5 זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן — не мог нахвалиться

6 ס'מאַכט ניט אויס — это неважно

7 בראָכע [ברכה] — благословение

8 צוזאַט — досыта

שטיקלעך פּאַפּיר, האָט מען דעם דאָזיקן בכאָר מיט גרויס פֿײַערלעכקײַט איבערגעגעבן טאַדעושן.

— טראָג אים געזונט[1], טאַדעוש, — האָט אים אַלעקסאַנדער געדריקט די האַנט, — ס׳איז אַ מינהעג[2] בײַ ייִדן, אַז מע באַנײַט אַ זאַך, זאָל מען צווינטשעווען גוטס.

— אָבער וואָסער טאַדעוש? — האָט טאַסיע אַרײַנגעשניטן אַ שמייכל דעם מאַנגאַל גלײַך אין די רייד אַרײַן, — מע האָט דאָך אים עפּעס אַרײַנגענומען אין דעם שויס פֿון די „בניי יאַנקעוו״[3].

טאַדעוש האָט צונויפגעלייגט דעם דאָקומענט און אַ טראַכט געטאָן, אַז מע דאַרף צו וויסן געבן[4] דעם פֿאָטער זײַנעם, דעם אַלטן וואָיטשעך, ער זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן[5] פֿאַר קיינעם. און צו זיך אַליין געשמייכלט: דעם אַלטן וועט זיך אַף געוויס ניט לייגן אַפֿן צונג דער נײַער נאָמען...

● ● ●

---

1 טראָג אים געזונט — носи его на здоровье

2 מינהעג [מנהג] — обычай

3 שויס פֿון די „בניי יאַנקעוו״ [בני יעקב] — лоно детей Иакова (*еврейский народ*)

4 צו וויסן געבן — дать знать

5 זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן — чтобы он не проговорился

ИОСИФ ОПАТОШУ
(1886—1954)

Иосиф Опатошу (Иосиф-Меир Опатовский) родился в Польше, в заброшенной лесной местности. Отец его был лесоторговцем, происходил из известной хасидской семьи. В 15 лет будущий писатель окончил коммерческое училище в Варшаве, затем пытался продолжить образование во Франции, но из-за нехватки денег вернулся в Польшу. В 1907 году уехал в США, где был рабочим на заводе, учителем, журналистом.

В 1910 году Иосиф Опатошу напечатал свой первый рассказ «На другой стороне моста». Вскоре он стал постоянным литературным сотрудником Нью-Йоркской газеты «Тог» («День»), где продолжал печататься до самой своей кончины. В газетах Опатошу опубликовал несколько сотен рассказов и романов, которые принесли ему широкую известность.

Особой популярностью пользуются его романы на исторические темы — о польском востании 1863 года, о жизни евреев в польских лесах, о хасидизме. В своих произведениях он создал множество разнообразных типов — и энергичных, уверенных в себе людей, и слабых, не сумевших приспособиться к окружающей реальности. Иосиф Опатошу был один из самых образованных и продуктивных еврейских писателей.

В конце двадцатых годов его произведения начали публиковаться в СССР, а в Вильно в 1928 году выходило собрание его сочинений в 14 томах.

Иосиф Опатошу скончался в Нью-Йорке в 1954 году.

יויסעף אָפּאטאָשו

אין קאר[1]

די קאר האָט זיך אָפּגעשטעלט. פּאסאזשירן זײַנען ארויס, ארײַנגעקומען, און אז די קאר האָט זיך גענומען רירן[2], זײַנען עטלעכע שקאָצים[3] ארײַנגעשפּרונגען מיט א געפּילדער, ווי אין א שענק[4] ארײַן, זיך ווילעריש[5] צעזעצט און פארנומען קימאט[6] א גאנצע באנק.

זיי האָבן גערעדט הויך, זיך געשטופּט[7], אָפּגעלאכט פון א דארן שייגעץ[8], וואָס איז געזעסן אין דער מיט. דער שייגעץ האָט נאריש געוואָרפן מיט די אויגן אין אלע זײַטן, ניט געקאָנט כאַפּן, ווער עס טוט אים יעדע ווײַלע הינטערווײַ־

1 קאר — *зд.* вагон
2 נעמען זיך רירן — трогаться с места
3 שקאָצים [שקץ] — парни (*зд.* из уличной компании)
4 שענק — кабак
5 ווילעריש — свободно, вальяжно
6 קימאט [כמעט] — почти
7 זיך שטופּן — толкаться
8 שייגעץ — парень

לעכס[1] א צופּ[2] איבערן קאָפּ, אז דאָס היטל פליט אים אזש איבער די אויגן. ער האָט זיך א ריס געטאָן[3], געוואָלט ארויס פון דער מיט[4], האָבן זיי אים צוגעהאלטן און גענומען צופּן[5] פון אלע זײַטן. דער ארומיקער[6] אוילעם[7] האָט זיך אמוזירט. דער שייגעץ, אן אײַנגעבויגענער, מיט אן אראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, ווי א געשלאָגענער הונט, וואָס קאָן זיך ניט ווערן[8], האָט באוויזן מיט דער האנט אף א פּעדלער[9]:

— שיני[10] —

— קוקט, א „שיני"־באָרד!

קעגנאיבער די שקאָצים איז געזעסן אן אלטער ייִד, א פּעדלער, באלאָדן מיט קאָשעקלעך ווײַן. דער ייִד האָט זיך געהאלטן אין קאָרטשן[11], געוואָלט וואָס ווייניקער פלאץ פארנעמען[12], געוואָרפן מיט די אויגן ווי אן איבערגעשראָקענער האָז, אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט עמעצנס

1	הינטערווײַלעכס	между тем
2	א צופּ טאָן	дёргать, щипать
3	א רײַס טאָן	рвануть
4	האָט... געוואָלט ארויס פון דער מיט	хотел вырваться из середины
5	נעמען צופּן	толкнуть, дёрнуть
6	ארומיקער	окружающий
7	אוילעם [עולם]	*зд.* пассажиры
8	וואָס קאָן זיך ניט ווערן	который не может защититься
9	פּעדלער (*англ.* peddler)	мелкий, уличный торговец
10	שיני (*англ.* sheeny)	уничижительное прозвище для евреев
11	האלטן זיך אין קאָרטשן	корчился
12	וואָס ווייניקער פלאץ פארנעמען	занять как можно меньше места

בליק[1], און יעדעס מאָל, ווען די קאר האָט א טרייסל געַ־טאָן[2], האָבן די קאָשעקלעך, וואָס האָבן אראָפּגעהאנגען פון זײַנע אקסלען, אים אָפּגעהאקט[3] די זײַטן.

די שקאָצים האָבן פארגעסן אָן זייער דארן כאווער[4], זיך אײַנגעקוקט אין פּעדלער, דערנאָך זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך איבערצײַגט[5], אז עס איז טאקע א ייִדישע „שיני״־באָרד, און זיך צעלאכט אזוי פרעך, אז דעם אלטן ייִד איז קאלט געוואָרן.

דער דארער שייגעץ האָט זיך געוואָלט אויסבריִען פאר[6] זײַנע כאוויירים[7], אופגעשפּרונגען, אָנגענומען דעם ייִד פאר דער באָרד און מיט א כריפּע פון א הונט, איידער ער נעמט בילן[8], האָט ער דורכגעזייט דורך די ציין:

— ווהיס־קער! ווהיסקער־ר־ר![9]

דער ייִד האָט אים א קלאַפּ געטאָן איבער דער האנט, און די שקאָצים האָבן אזש פון סימכע פאריסן די פיס[10]:

1	אויסמײַדן צו טרעפן זיך מיט עמעצנס בליק	избегать встретиться взглядом с кем-нибудь
2	טרייסל טאָן	*зд.* тряхнуть (вагон)
3	אָפּהאקן די זײַטן	отбивать бока
4	כאווער [חבר]	друг, товарищ
5	ווי זיי וואָלטן זיך איבערצײַגט	как-будто они хотели убедиться
6	זיך אויסבריִען [אויסבריהען]	отличиться
7	כאוויירים [חברים]	товарищи
8	נעמען בילן	залаять
9	ווהיסקער (*англ.* whisker)	*зд.* старикан
10	האָבן אזש פון סימכע [שמחה] פאריסן די פיס	от восторга даже задрали ноги

4*

— קיס דהע שיני! קיס אים, ביל[1]!

אין דער קאַר איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט זיך ניט אָנגענומען[2] פאַרן ייִד. די עטלעכע ייִדן, וואָס זײַנען געזעסן אין דער קאַר, האָבן באַהאַלטן די פּענעמער[3] אין די צײַטונ־גען. צי סטאַם אַוועקגעקוקט[4], ניט געוואָלט אַף זיך צִיען די אויפמערקזאַמקײַט, אַז זיי זײַנען אויך ייִדן.

א בלאַסער באָכער[5] האָט זיך אויפגעשטעלט, אונטער־געגאַנגען צום שייגעץ מיט א פּאָר צעעפנטע אויגן, ווי זיי וואָלטן געקראָכן פון קאָפּ[6]:

— וואָס האָט דיר דער אַלטער ייִד געטאָן?

דער שייגעץ האָט אָפּגעלאָזט דעם פּעדלערס באָרד, זיך עטוואָס פאַרלוירן, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן[7] פאַרן באָ־כערס צעעפנטע אויגן, שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט זיך איינער פון די שקאָצים אָנגערופן:

— וואָס שטעקט ער אַרײַן די נאָז?

— ס'איז דאָך אויך א „שיני”!

— קלאַפּט מען אים אונטער אַן אויג!

— היי, ביל, פאַרפּאָר אים אין אויער![8]

— וואָס שטייסטו!

— ער האָט מוירע![9]

---

1 קיס דהע שיני! קיס אים, ביל! (*англ.* kiss the sheeny, kiss him, Bill! — поцелуй жида поцелуй его, Билл!

2 אָנעמען — *зд.* вступиться

3 פּענעמער, פּאָנעם [פּנים] — лица

4 סטאַם [סתם] אַוועקגעקוקט — вообще глядя в сторону

5 באָכער [בחור] — парень

6 וואָלטן געקראָכן פון קאָפּ — будто вылезли из головы

7 ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן — как-будто испугался

8 פאַרפּאָר אים אין אויער — двинь-ка ему по уху

9 האָבן מוירע [מורא] — бояться

— אָט אזוי! אָט אזוי! בעסער!

דער יונגערמאן האָט געקראָגן א פלאם אין פּאָנעם, געפאלן אף דער באנק. ער האָט זיך א הייב געטאָן[1], זיך געוואלט אופשטעלן, האָט דער שייגעץ זיך איבערגעבויגן איבער אים, ניט געלאָזט, האָט דער באָכער אן אומבאהאָלפענער[2] אָנגעכאפּט[3] מיט די ציין דעם שייגעצס אויער און ביידע האָבן זיך גענומען ראנגלען[4].

דער דארער שייגעץ האָט זיך דערווײַל אוועקגעזעצט דעם פּעדלער אפן שויס[5] און זיך אָנגעהאלטן פאר זײַן באָרד. דער פּעדלער האָט זיך געווערט[6], געשטופּט דעם שייגעץ פון זיך און גערעדט צו אים ייִדיש:

— אָרל[7], וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס האָב איך דיר געטאָן? אייסאָוו[8] דו! רעצייער[9]!

די גאנצע קאר מיט גאָיִם[10] זײַנען קאלטבלוטיק געזעסן, זיך צוגעקוקט מיט א שמייכל, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעקוקט צו א „פּײַט” פון צוויי ייִנגלעך. די פּאָר ייִדן האָבן טיפער באהאלטן די קעפּ אין די צײַטונגען, פון דער זײַט יעדע ווײַלע געוואָרפן אן אויג צום פּעדלער, געציטערט פאר קאס[11]

1	זיך א הייב טאָן	приподняться
2	אומבאהאָלפענער	беспомощный
3	אָנכאפּן	схватить
4	נעמען ראנגלען	начать бороться
5	שויס	*зд.* колени
6	זיך ווערן	защищаться
7	אָרל [ערל]	необрезанный, нееврей
8	אייסאָוו [עשו]	*библ.* Исав (брат Иакова); *зд.* враг евреев
9	רעצייער [רוצח]	убийца, злодей
10	גאָיִם [גוים]	неевреи
11	קאס [כעס]	гнев

און אופרעגונג, דער שרעק פאר קלעפּ איז בא זיי געווען אזוי גרויס, אז זיי זײַנען געבליבן זיצן אַף זייערע ערטער.

א מיידל איז אויסגעוואקסן[1] צווישן די שקאַצים, זיך אוועקגעזעצט נעבן[2] פּעדלער און אָפּגעשטופּט דעם דארן שייגעץ:

— שעם זיך, דו, גרוביאַן! וואָס האָט דיר דער אלטער מאן געטאָן? פאַרוואָס רײַסטו אים די באָרד? דערפאר, וואָס ער קאָן זיך ניט ווערן? אן אמעריקאנער ביסטו? ביסט א...

— נו טאקע, וואָס האָב איך אים געטאָן? — האָט דער ייִד צעשפּרייט די הענט און זיך געבעטן באם מיידל.

— ביל, — האָט איינער אוועקגעשלעפּט דעם דארן שייגעץ, — אז א ליידי[3] בעט פארן „שיני", טשעפּע אים ניט מער!

— איך וועל אים מער ניט טשעפּען, — האָט ביל זיך געריסן, ארויסגענומען פון דער קעשענע א קווארטער[4] און זיך אויסגעדרייט צום מיידל:

— כ'וויל, דער „שיני" זאָל נעמען א „שייוו"[5]!

— איך בין אויך א „שיני"! — האָט דאָס מיידל אויסגעשאָסן[6], — און אז עמעצער פון אײַך וועט זיך וואגן אונטערצוקומען, וועל איך אים צעפּאטשן[7].

---

1 אויסוואקסן — вырастать, возникать
2 נעבן — возле
3 ליידי (*англ.* lady) — женщина, девушка (*зд.* шутливо)
4 קווארטער (*англ.* quarter) — четверть доллара, 25 центов
5 נעמען א „שייוו" (*англ.* shave) — побриться
6 אויסשיסן — выпалить
7 צעפּאטשן — дать пощёчину

— הא, הא, א שיני ליידי! — האָבן זיי זיך געבויגן פון געלעכטער, אופגעשפרונגען און ארומגערינגלט דאָס מיידל:

— צעפּאטש גיכער!

דער דארער שייגעץ האָט ווידער געוואָלט אָנכאַפּן דעם פעדלער פאר דער באָרד, האָט ס׳מיידל[1] אים פארפאָרן אין פּאָנעם, אז יענער איז געפאלן מיטן קאָפּ אף א שויב[2], אז ס׳האָט אזש א קלימפּער געטאָן[3].

— טהרי טשירס פּאָר דהי ליידי[4]! — האָבן די פּאסאַזשירן אפּלאָדירט.

א צווייטער שייגעץ איז אונטערגעלאָפן צום מיידל מיט א פויסט.

— וואג ניט זי אָנצורירן! — האָבן זיך געהערט קוילעס און דער אוילעם האָט זיך געהויבן פון די פּלעצער.

— וואג ניט, וואג ניט! — האָבן די פּאָר ייִדן אוועקגעוואָרפן די צייטונגען, ווי דער שרעק וואָלט פון זיי אינגאנצן אוועק און מיט פארקוועטשטע פויסטן זיך א לאָז געטאָן[5] צו די שקאָצים.

דאָס געשלעג[6] האָט זיך אָנגעהויבן.

● ● ●

1 ס׳מיידל=דאָס מיידל — девушка
2 שויב — стекло (*оконное*)
3 א קלימפּער טאָן — звякнуть
4 טהרי טשירס פּאָר דהי ליידי! — молодец, девушка! (*англ.* three cheers for the lady!)
5 זיך א לאָז טאָן — тронуться, двинуться
6 געשלעג — драка

ИЛЬЯ ФАЛЬКОВИЧ
(1898—1979)

Родился в городе Гомель. Закончил лингвистический факультет Московского университета. В 20-х годах был заведующим кафедры еврейского языка в Коммунистическом университете для народов Запада и преподавателем еврейского языка в Московском педагогическом институте им. Бубнова. С начала Великой Отечественной войны ушел добровольцем в ополчение. После возвращения с фронта был главным редактором издательства «Дер эмес».

Первую фундаментальную работу в области филологии — «Грамматика для взрослых» — опубликовал в 1929. В 1940 вышел его учебник «Идиш — фонетика, графика, лексика и грамматика», а в 1941 году — «Русско-еврейский словарь» для начальной школы. В четырехтомном издании «Языки народов СССР» опубликовал монографию о языке идиш.

В первых двух номерах «Советиш геймланд» (1961) И. Фалькович напечатал статью «Об уважении к языку», за которой последовала серия лингвистических работ. В течение 1974—1978 гг. вел в журнале курс «Беседы о еврейском языке».

עליע פאַלקאָוויטש

וועגן לאָשן

1. פרעמדע ווערטער

מענטשן, וואָס יאָגן זיך נאָך פרעמדס און האָבן ליב באַפּוצן זייער לאָשן מיט וואָס מער אויסטערלישקייטן, זײַנען ניט קיין זעלטענע ניט קיין נײַע דערשײַנונג. נאָך אונדזער געניאַלער הומאָריסט האָט אונדז באַקאַנט געמאַכט מיט אַזעלכע פאַרשוינען.

„פאַראַן אַ סך מענטשן, — דערציילט שאָלעם־אַליכעם „אין שטורעם", — וואָס האָבן ליב באַנוצן און אויסמישן זייער שפּראַך מיט פרעמדע ווערטער. איך קען איינעם אַ קליינשטעטלדיקן מאַסקיל, אַן „אינטעליגענט", וואָס שפּריצט מיט פרעמדע ווערטער אויף אַלע זײַטן; האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „ייִסראַליק ציוויליזאַציע" — און דאָס קליינע שטעטל, אַז עס גיט אַ נאָמען, איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן".

אין אונדזערע יאָרן איז „ייִסראָליק ציוויליזאַציע" שוין לאַנג געוואָרן אַ גרויסשטאָטישער אינטעליגענט, און ער שפּריצט מיט פרעמדס נאָך מער אויף אַלע זײַטן. די ייִדישע ווערטער „סימאָנים", „אָנגריפן" האָט ער ווי פאַרגעסן און קומט ראַק אָן צו „סימפּטאָמען" און „אָפּענסיוועס". „ענדערן", „פאַרשטעלן" געפעלן אים ניט, אים זײַנען צום האַרצן נאָר „מאָדיפיצירן" און „רעפּרעזענטירן". דער גרויסשטאָטישער ייִסראָליק קלײַבט פון זיך נאַכעס, ווען ער קאָן אַ זאָג טאָן: „די מאַכט־אָרגאַנען האָבן מאָדיפיצירט די פּאָליטיק פון דעפּאָפּולאַציע..." „דאָס האָט צוגעײַלט דעם פּראָצעס פון אויסזידלונגען און דעפּאָרטאַציעס..."

איך האָב שוין געשריבן און דערמאָן ווידער: איך בין ניט קעגן לאַטײַן און ניט קעגן פרעמדס בִיכלאַל. איך ווייס זייער גוט, אַז אין די אַמאָליקע גערמאַנישע דיאַלעקטן זײַנען פון לאַטײַן אַרײַן הונדערטער ווערטער, וועלכע האָבן זיך מיט דער צײַט אָפּגעזעצט אויך אין אונדזער לאָשן, און קיינער האַלט זיי ניט פאַר פרעמדע. איך געדענק אויך, אַז אַ רײ לאַטײַנישע, גריכישע און אַנדערע אויסדרוקן זײַנען אין ייִדיש געקומען דורך העברעיִש, און מיר האַלטן זיי

פאַר אײגנס. איך האָב אויך ניט פאַרגעסן, אַז לאַטײַן און גריכיש זײַנען אַדהײַעם דער גרונטקוואַל, פון וועלכן מע שעפּט מאַטעריאַל אַף צו שאַפן טערמינען און באַרײַכערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָנד פון שפּראַכן. מיר איז אויך באַוווּסט, אַז אין אײניקע פאַלן איז „סימפּטאָמען" בעסער פון „סימאָנים" און „רעפּרעזענטירן" איז גלײַכער פון „פאָרשטעלן". ווען אָבער דו זעסט, אַז מע ניצט פרעמדווערטער סטאַם אין דער וועלט אַרײַן, אַפילע דעמלט, ווען די אײגענע זײַנען פּינקטלעכער, אויסדריקלעכער, צוגענגלעכער, אײדער יענע — ווילט זיך שרײַען: גוואַלד! וואָס טוט זיך עס!

נו, זאָגט אַלײן, איז דען גוט, וואָס אָנשטאָט „פאַרשיקן, אַרויסשיקן, פאַרטרײַבן, אַרויסטרײַבן, פאַריאָגן, אַרויסיאָגן, אַרויסוואַרפן" און ענלעכע האָט מען גענומען ראַק ניצן דאָס דײַטשישע „אויסזידלען", וואָס האָט אין ייִדיש אַ גאָר אַנדערן באַטײַט, אײדער אין דײַטש. איר לײענט: „מע האָט ליקווידירט דאָס געטאָ און אויסגעזידלט די ייִדן..."; „אויף אַן אַנאַלאָגישן אופן האָט הימלער דערקלערט די נויטווענדיקײַט אויסצוזידלען אַלע ייִדן פון פראַנקרײַך"... איר לײענט און קלערט: ווען מע וואָלט די ייִדן נאָר „אויסגעזידלט", וואָלט נאָך געווען צו לײַדן, וואָלטן מיר ניט געהאַט אַזוי־פיל צעבראָכענע הערצער און אַזאַ קלײנע צאָל ייִדן אַף דער וועלט.

ווײַזט אויס, אַז באַם ניצן דאָס דײַטשישע וואָרט „אויסזידלען" אָדער „אויסזידלונג" איז מען ניט גאָר זיכער, דעריבער גיט מען צו אַ באַגלײטער. מע שרײַבט: „אויסזידלונגען און דעפּאָרטאַציעס". און דאָס האָט פּונקט אַזאַ טאַם, ווי איר וואָלט געזאָגט: ער איז אַ טאַליען און אַ הענקער; אָדער: ער איז אַ הענקער און אַ קאַט. מיר דוכט, אַז אַפילע „דעפּאָרטירן" וואָלט שוין גלײַכער געווען, אײדער „אויסזידלען". ייִדן קענען דאָך שוין פון לאַנג די ווערטער „אימפּאָרטירן, עקספּאָרטירן, טראַנספּאָרטירן", וואָלטן זײ דאָס וואָרט „דעפּאָרטירן" גרינג אופגענומען: פּאָרט אַ שטיקל קאָרעווו.

אַ פרעמדוואָרט איז שלעכט ניט דערפאַר, ווײַל ס'איז אַ פרעמדס, נאָר ווײַל עס מאַכט שווערער צו באַנעמען דעם זאַץ און טײלמאָל מאַכט עס דעם גאַנצן זאַץ גאָר אומפאַרשטענדלעך. לעמאָשל: „אין די דרײַסיקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז דאָס מוזיקאַלישע לעבן פון אײראָפּע געווען אויסערסט־רײַך און פול מיט געשעענישן, וואָס האָבן פאַסצינירט די יענצײַטיקע קולטור־סביבות". אויב איר ווייסט ניט, וואָס „פאַסצינירט" באַטײַט, באַנעמט איר ניט דעם טאַך, דעם איקער פון דער גאַנצער פראַזע. ווען אָבער אָנשטאָט „פאַסצינירט" וואָלט דאָ געווען „באַצויבערט", „איבעראַשט", „פאַרכאַפּט" אָדער „געמאַכט ניספּאָעל", „געמאַכט אַנציקט" אאַוו., וואָלט די גאַנצע פראַזע געוואָרן אַ פאַרשטענדלעכע.

און אויב אַ מענטשן דוכט זיך, אַז אַן „פאַסצינירט" קאָן די פראַזע ניט

גײן, איז זאָל דאָס דאָזיקע װאָרט זײַן, אָבער זײַט זיך מאַטריִעך און לײגט צו דעם צו א טײַטש. באַם שרײַבן פאַר א צײַטונג, פאַר א זשורנאַל דאַרף מען האָבן אין זינען ניט קײן יעכידים, נאָר דעם דורכשניטלעכן לײענער.

2. לאַשנקױדעשדיקס

צװישן די פערסאָנאַזשן פון שאָלעם־אַלײכעמס „אין שטורעם" איז פאַראַן נאָך א פאַרשױן מיט א שפּראַך־כאַלאַס. איך מײן, פאַרשטײט זיך, אונדזער אַלטבאַקאַנטן יודל קאָטױנטי, װאָס „קימאַט נאָך יעדע צװײ־דרײַ װערטער יִדיש מוז ער אַרײַנװאַרפן אײן װאָרט א לאָשנקױדעשדיקס, װאָסער־נישט־איז, צי עס פּאַסט זיך צי ניין, אַבי לאָשנקױדיִש".

פאַראַיאָרן האָט אין דער װאַרשעװער „פאָלקסשטימע" יודל קאָטױנטיס א נאָכפאָלגער געפונען פאַר װיכטיק, פאַר זײער אַקטועל פאַרצולײגן דער צײַטונג, אז אין איר „זאָל זײַן װאָס מער העברעיִזמען, אפילע צום שאָדן פון דער סטיליסטיק". װײַזט אױס, אז אױך אין אײניקע פון אונדזערע שרײַבער און זשורנאַליסטן לעבט נאָך א גילגל פון יודל קאָטױנטי, האָבן זײ זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם „טיפזיניקן" פאַרשלאָג און באַמיִען זיך צו פאַרװירקלעכן אים.

אָט האָט איר א באַװײַז: „אינעם רוב מנין ורוב בנין פון די בריװ שטרײַכט ער אונטער זײַן מונטערע שטימונג..." „ראָװ מיניען װעראָװ ביניען" איז א גאַנץ פאַרשפּרײטער אױסדרוק אין יִדיש, אָבער װי פּאַסט ער צו דעם געגעבענעם טעקסט? א מענטש פון א גאַנץ יאָר װאָלט דאָ אװאַדע געזאָגט: „אינעם ראָװ בריװ", „אינעם גרעסטן טײל בריװ", „אין דער מערהײַט בריװ", אָבער א מענטש, אין װעלכן עס שלאָגט אַן אָדער פון אונדזער באַקאַנטן פאַרשױן, דאַרף האָבן לאָשנקױדעשדיקס, „צי עס פּאַסט זיך צו ניין, אַבי לאָשנקױדעש".

אָדער אַזא בײַשפּיל: (ער) „האָט געהערט צו דער יִנגסטער גזע סאָװעטישע יִדישע פּאָעטן". דאָס װאָרט „גזע" (געזאַ) האָט אין העברעיִש עטלעכע באַטײַטן: שטאַם פון א בױם, אָפּשטאַם, ראַסע. הײַנט װי זשע פּאַסט דאָס װאָרט צום ציטירטן זאַץ? מע האָט דאָך געקאָנט פּאָשעט שרײַבן: „ער האָט געהערט צום יִנגסטן דאָר...", „צו דער יִנגסטער גרופּע...", „צום יִנגסטן קרײַז...", אָבער דעם אװטאָר װילט זיך, מאַשמאָעס, א װאָרט, װאָס איז דעם לײענער אומבאַקאַנט. עס מאַכט ניט אױס, װאָס עס פּאַסט ניט צום טעקסט, אַבי ס'איז אױסטערליש.

נאָך א בײַשפּיל: (ער װעט) „װי א גוטע בשורה זײַן אָהוב וחביב בא די לײענער פון יִדיש..." די װערטער „אָהוב וחביב" (אָהױװ װעכאָװיװ) זײַנען אין יִדיש ניט אָנגענומען, און מע דאַרף זײ ניט. איר קאָנט אין יִדיש זאָגן: „זײַן ליב און טײַער", „זײַן ליב און כאָשעװ", „זײַן געליבט און געשעצט" — און

עס וועט איבערגעבן דעם אינהאַלט פֿון „אָהוב ותביב" נאָך מיט אַן אוידעף, וואָרעם „חביב" איז קימאַט דאָס זעלבע, וואָס „אָהוב".

אָדער גאָר אַזאַ זאַץ: „אין משך פֿון צוויי טעג גוע וימות". דאָ האָבן מיר ווידער צוויי העברעיִשע ווערטער, וואָס באַטײַטן אײנס און דאָס זעלבע: „איז ער אויסגעגאַנגען און געשטאָרבן". דער אוטאָר פֿונעם ציטירטן זאַץ האָט עפּשער געוואָלט אויסמײַדן צו וואָכעדיקע ווערטער, האָט ער דאָך געקאָנט זאָגן: „איז ער ניפֿטער געוואָרן", „האָט ער פֿאַרענדיקט זײַנע יאָרן", „האָט ער אויסגעהויכט די נשמה" אאַזו. די אַלע אויסדרוקן, דאַרף מען קלערן, זײַנען דעם אוטאָר באַוווּסט, נאָר ער וויל זיי ניט. עס ציט אים צו אומגעווייגלעכס און אומבאַקאַנטס. אים דוכט זיך, אַפּאָנעם, אַז אין טאַנאַך איז פֿאַראַן דער אויסדרוק „גוע וימות". ס'איז אָבער אַ טעות. דאָרט איז: „ויגוע וימת". און צולעצט, די הויפּט־טײַנע: ווי בויט מען דאָס אַ יִדישן זאַץ, ניט רעכענענדיק זיך מיט די געזעצן פֿון דער יִדישער גראַמאַטיק? ווו זײַנען אַהינגעקומען די ווערטער „איז ער"?

האַקלאַל, ווי איר זאָלט ניט וועלן, מוזט איר דעם אוטאָר זאָגן, אַז ער איז אומגערעכט: אומגערעכט לעגאַבע דעם לייענער, אומגערעכט לעגאַבע אונדזער לאָשן.

דאָס יאָגן זיך נאָך אויסטערלישקײטן פֿאַרפֿירט אײניקע מענטשן אַזוי ווײַט, אַז זיי באַפֿרידיקן זיך ניט מיט אַ פּאָשעטן העברעיִשן אויסדרוק. זיי ווילן אײַך מעכאַבעד זײַן מיט אַזאַ געריכט, וואָס אפֿילו ניט יעדער העברייער איז עס ימשטאַנד צו פֿאַרדײַען. לעמאָשל: „און אַז מע האַלט שוין בײַ אַ קאָנקרעטן ממשותדיקן בריוו, קאָן מען דאָך פֿון דעם [פֿון אים. ע. פּ.] זייער פֿיל לערנען וועגן דעם שרײַבער פֿונעם בריוו, דעם חתן דנן גופא".

האָט איר אַ סאַך מאָל געטראָפֿן אין יִדיש אָדער אפֿילו אין העברעיִש דעם אויסדרוק „חתן דנן"? איר מיינט עפּשער, אַז ער באַטײַט עפּעס אַ גוואַלדאָוונע זאַך, זײַט איר זיך טועה. דאָס וואָרט „דנן" איז אין דער טאַלמודישער ליטעראַטור אַרײַן פֿון אַראַמיש (די געמאָרע איז געשריבן אויף העברעיִש־אַראַמיש) און עס באַטײַט „דער". „חתן דנן" הייסט: דער דאָזיקער כאָסן, דער דאָזיקער יונג. קלאָר, אַז מע דאַרף דאָ אים האָבן, דעם אויסדרוק, ווי אַ לאָך אין קאָפּ. פֿאַרמעקט די ווערטער „דעם חתן דנן", און איר וועט פּאָטער ווערן פֿון דרײַ פּאַראַזיטן און פֿאַרייִנס אויך פֿון דער קאָמע (אַ קאָמע קאָסט געלט).

אין שפּראַך איז אַזוי, ווי אין אַלץ: איין אווײרע שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטע אווײרע. מיר האָבן דאָס שוין געזען אַ סאַך מאָל באַם אוטאָר פֿונעם ראָמאַן „ס'איז נאָך גרויס דער טאָג", און מיר זעען דאָס אויך דאָ. די טײַווע צו אויסטערלישקײטן ברענגט אָפּט צו איבעריקע רייד, צו געשוואָלענע זאַצן.

לאָמיר צו די פֿריִערדיקע ברענגען נאָך אַ רײַע: „זיי (די ווערטער. —

ע. פּ.) זענען כּולל, שליסן אײַן אין זיך אַ ים אַסאָציאַציעס...". „זײַנען קוילעל" און „שליסן אײַן אין זיך" באַטײַטן דאָס זעלבע. הײַנט צו וואָס ברענגט מען דאָ צוויי אויסדרוקן, ווען ס'איז גענוג איינער פֿון זיי.

די זעלבע טײַנע האָט איר אויך צום אוטאָר פֿון פֿאָלגנדיקן זאַץ: „ער איז בײַ אונדז שטענדיק און תּמיד שטאַרק אָנגעלייגט". אי „שטענדיק" אי „תּמיד" (טאָמיד)? צו וואָס זאָל מען זײַן אַזוי אויסברענגעריש! מענטשן שטרעבן דאָך געווינלעך צו שפּאָרעוודיקײַט — צו באַקומען וואָס בעסערע רעזולטאַטן באַם פֿאַרטאָן וואָס ווייניקער ענערגיע און מאַטעריאַלן. באַגאַבטע, געניטע שרײַבער טוען אויך דאָס זעלבע. זיי ברענגען אויס צײַט ניט בלויז אין שרײַבן — אויך אין מעקן. דער גענ:אַלער לעוו טאָלסטאָי, דער ליב פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, האָט אין אַ בריוו צו זײַן פֿרוי אין 1887 געהאַט מיטגעטיילט: „...נעכטן האָב איך זיך אַ סך פֿאַרנומען (באַשעפֿטיקט): געשריבן אַ גאַר נײַ קאַפּיטל... כ'האָב דורכגעקוקט, פֿאַריכט צוערשט. ווי עס האָט זיך געוואָלט אַלץ איבערזעצן אין רוסיש, אַזוי אַז טיט זאָל פֿאַרשטיין. און ווי עס ווערט דעמלט אַלץ קירצער און קלאָרער".

3. סינאָנימען און דובלעטן

איר וועט עפּשער זאָגן, אַז פֿון קדמונים אָן איז מען זיך נוהג צו פֿאַרשטאַרקן דעם געדאַנק, דאָס געפֿיל מיט פּאַראַלעלע אויסדרוקן, בפֿרט מיט סינאָנימען. מיט סינאָנימען יאָ, אָבער ניט מיט קיין דובלעטן. לאָמיר דערמאָנען דעם כּילעק צווישן זיי (איך גלייב, אַז דער לייענער וועט ניט האָבן קיין פֿאַריבל, אַלעמײַ איך קלײַב זיך צו שמועסן וועגן עלעמענטאַרע זאַכן).

„עק" און „סאָף" זײַנען סינאָנימען. זיי באַטײַטן קימאַט דאָס זעלבע. איר קאָנט זאָגן: „אַ מײַסע אָן אַן עק" אָדער „אַ מײַסע אָן אַ סאָף". און דאָך איז צווישן „עק" און „סאָף" פֿאַראַן אַ געוויסער אונטערשייד — ניט בלויז אויסערלעך, אין די קלאַנגען, נאָר אויך אינערלעך, אינעם באַטײַט. איר קאָנט זאָגן „אַ פֿערד אָן אַן עק", אָבער ניט „אַ פֿערד אָן אַ סאָף".

„אָונטערוויט" און „וועטשערע" זײַנען דובלעטן (אָדער אידענטישע סינאָנימען). זיי באַטײַטן דאָס זעלבע. איר קאָנט, אויב איר דאַרפֿט פֿאַרן זאַץ, ניצן דאָס אָדער יענץ. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דיכטונג, וווּ ס'איז שטאַרק וויכטיק אויך די פֿאָנעטישע זײַט פֿון אַ וואָרט — זײַנע קלאַנגען, די צאָל טראַפֿן, דאָס אָרט פֿונעם טראָף, קאָן אין איין פֿערז זײַן צוגעפּאַסט „אָונטערוויט", און אין אַ צווייטן — „וועטשערע". אַזוי איז אויך מיט די דובלעטן „ענטל" און „קאַטשקע" אָדער מיט „הענקער" און „קאַט" אאַ. קלאָר, אַז אויך פֿאַר אַ פּראָזאַישן טעקסט איז וויכטיק די פֿאָנעטישע זײַט פֿון אַ וואָרט, אָבער ניט אין אַזאַ מאָס, ווי פֿאַר אַ דיכטערישער שורה.

דובלעטן, און צומאָל אויך סינאָנימען, ברענגט מען, קעדיי אויסצומיידן צו אָפטע איבערכאַזערונגען פון איינע און די זעלבע ווערטער און איינטאָניקייט ביכלאַל. אשטייגער: בא שאָלעם־אַלייכעמען: „...רופט זיך אָן דער הייזעריקער אָף זייער פאַרשטעלטער שפּראַך און לאָזט אויס אָף אונדזער לאָשן: — ווו זייַנען ערגעץ די שטריק?"

אָדער: „נאָר דער נאָמען, וואָס עסטער האָט זיך געקויפט בא איר אין איר שטאָט, איז נאָך גאַרנישט אקעגן דעם שעם, וואָס זי האָט געהאַט אין דער גאַנצער סוויווע פון מאַזעפעווקע אַרום און אַרום".

אַגעוו, צוליב דעם אָנגעוויזענעם צוועק ווענדט מען אָפט אָן אויך א פּער־יפראַזע — א באַשרייַביקן אויסדרוק. אשטייגער: אָנשטאָט איבערצוכאַזערן צו אָפט דעם נאָמען „שאָלעם־אַלייכעם", זאָגט מען: דער אווטאָר פון „מענאַכעם־מענדל", דער אווטאָר פון „טעוויע דער מילכיקער". אָדער: אונדזער גענ:אַלער הומאָריסט...

ווען איינטאָניקייַט איז געווונטשן, כאַזערט מען דאַפקע איבער איינס און דאָס זעלבע וואָרט. לעמאָשל: בא פּערעצן — וועגן באַנצע שווייַג: „שטיל גע־בוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן". אָדער בא בערגעלסאָנען — וועגן פיליפּאָוון פון „מידאַס־האַדין": „...אין קאַנצעלאַריע איז געזעסן א געוויינלעך־וואָכעדיקער מענטש, מיט א געוויינלעך־וואָכעדיקן אויסזען און מיט געוויינלעך־וואָכעדיקע פעטלעך־שווארצע שטיוול — שטיוול, וואָס פאַר־שפּרייטן אַרום זיך דעם אייגענעם רייעך, וואָס אַלע אַנדערע געוויינלעכע פעט געשמירטע שטיוול..."

אַזא איבערכאַזערונג קומט אַמאָל אויך צוליב א שפּאַס, ווי בא שאָלעם־אַליי־כעמען — וועגן ביאַליקס שטעקשיך: „...האָב איך געבראַכט א פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און האָב אַראָפּגענומען א בילד פון די שטעקשיך, און איך שיק אים אַרויס דאָס בילד פון די שטעקשיך, ער זאָל זיך צוקוקן צו די שטעקשיך און זאָל מיר באַלד מודיִע זייַן דורך א בריוול, אויב די שטעקשיך זייַנען זייַנע שטעקשיך".

דובלעטן, און טיילמאָל אויך סינאָנימען, קומען אָפט צוליב א טייַטש. אשטייגער בא פּערעצן: „אין גרויספּוילן הייסט קאַטשקע — ענטע". אָדער בא שאָלעם־אַלייכעמען: „ער אַנאַטאָמירט (צעשנייַדט) דעם גוף פון דעם מענטשן".

אייניקע דובלעטן, וועלכע מע פלעגט צוליב א טייַטש אָפט ברענגען איינע לעבן די אַנדערע, זייַנען מיט דער צייַט צונויפגעוועצט געוואָרן. לעמאָשל: טאַטע־פאָטער, פּראָסט־פּאָשעט, כיי־געלעבט, מעשונע־מאָדנע, מעגושעם־גראָב. אַמאָל באַקומט א דובלעטן־צונויפזאַץ א נייַעם באַטייַט. די טיילן פונעם וואָרט „כאַמער־אייזל" באַטייַטן איינס און דאָס זעלבע, אָבער דער צונויפזאַץ — שוין גאָר עפּעס אַנדערש: א ווייַבערניק, א נאַפקעניק, א בויעף, א לאָוועלאַס.

צומאָל ווערט דער פאַקט פון דער צונויפּזעצונג פאַרגעסן, און מע הערט אויף צו פילן אינעם צונויפזאַץ זײַנע וואָרצלדיקע טײלן, ווי אשטייגער אינעם וואָרט „פּיפּערנאָטער", וואָס איז געשאַפן פון די דײַטשישע „ווײפּער" (א גיפטיקע שלאַנג) און נאָטער" (א שלאַנג) און ווערט אין יידיש מערסטנס געניצט אלס א מעטאַפאָר מיט פאַרשידענע ניואַנסן.

טײלמאָל ברענגט מען דובלעטן, קעדיי אונטערצושטרײַכן מיט זיי פאַרשיידענע דיאַלעקטן, ווי אין האָפּשטיינס א ליד, וואָס איז געווידמעט דעם ליטוואַק נויעך לוריע: „פון ביימער שמועסן מיר, פון זייער וווּנדערלעכן רויש, פון אלץ, וואָס איך האָב ליב און ער האָט האָלט".

בא האָפּשטיינען פילט די דובלירונג אויס א געוויסע שליכעס. אָבער וואָס פאַר א זין האָט דאָס דובלירן אין פאָלגנדיקער פּראָזע:

וויַ איך האָב דיך ליב, ווי איך האָב דיך האָלד,
דײַנע האָר זענען גאָלדענער פון גאָלד.

מע דאַרף קלערן, אז דאָ קומט „האָלד" צוליבן גראַם. א גראַם אין דיכטונג איז בעפיירעש א יעש. אויב נאָר ער דינט ניט בלויז דער קלאַנגלעכער זײַט פון פערז, נאָר אויך דעם אינהאַלט. אָבער מיט וואָס קאָן א דובלעט באַרײַכערן דעם אינהאַלט, אז ער גיט גאָרנישט צו! נאָר עפשער מיינט דער דיכטער, אז צווישן „ליב" און „האָלד" (ריכטיקער איז: האָלט) איז פאַראַן עפעס א ניואַנס אינעם באַטײַט? אָבער אזא אופאַסונג איז צו סוביעקטיוו. באַם ניצן ווערטער אין דער ליטעראַטור רעכנט מען זיך דאָך מיט זייער אָביעקטיוון באַטײַט אינעם אלגעמיינעם פאָלקסלאָשן, און אינעם ליטעראַרישן יידיש זײַנען „ליב" און „האָלט" שוין זייער לאַנג דובלעטן. אין מוישע שערטלס ווערטערביכער „לקח טוב" און „באר משה" (לעקאַך טויוו, בעייר מוישע, פּראַג, 1604, 1605) האָט איר אי „ליב" אי „האָלט".

אגעוו, אין די דאָזיקע ספאָרים, וואָס האָבן א ריי יאָרן געדינט אלס הילפּביכער באַם לערנען טאַנאַך און זײַנען געווען אָנגענומען אין אלע יישוווים פון די אשקענאַזישע יידן, זײַנען אלס טײַטשן צו א ריי טאַנאַכישע ווערטער געגעבן דובלעטן. אשטייגער: „פּרי — ורוכט אודר אופש" [=פרוכט אָדער אויבס]; יעופף — ער זול וליהן אודר שוועבן"; „רב — ויל אודר גינוק" [=פיל אָדער גענוג]. די דאָזיקע דובלירונג האָט מיטגעהאָלפן דער פאַרשפּרייטונג פון שערטלס ספאָרים, האָט באַרײַכערט די יידיש-דײַטשישע דיאַלעקטן און אין א געוויסער מאָס זיי דערנעענטערט איינע צו די אנדערע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז אַף דער דאָזיקער דערנעענטערונג האָט א באַזונדערס גרויסע ווירקונג געַ־

האט זייער געמיינזאמער פּאָנד פון א מאסע העברעיִשע אויסדרוקן, אָבער דאָס איז א טעמע פאר זיך.

נאטירלעך, אז אין א ליטעראריש ווערק, איבערהויפּט אין דירעקטע רייד, קאָן מען צוליב סטיליזיר־צוועקן טיילווײַז דערלאָזן אייניקע אָפּווײַכונגען פון די ליטעראַרישע נאָרמעס, דערין אויך א באטײַטלעכע דיפערענצירונג פון דובלעטן. מע דארף עס אָבער טאָן זייער באַדאכט, ניט איבערכאַפּן די מאָס און ניט קאַליע מאכן דעם אייגענעם אופטו.

לאָמיר נעמען א פראגמענט פון א דערציילונג. א ייִד פון ווײַסרוסלאנד הערט אויס די רייד פון א פרוי וועגן אירע קרויווים, און ער זאָגט צו איר:

— ...איר האָט זיי זייער ליב.

— ליב? איך האָב זיי האָלט, ווי מײַן לעבן.

— וואָס איז דאָס האָלט?

— האָלט איז מער, ווי ליב!..

דאָ האָבן מיר ווידער א סוביעקטיווע אופאסונג פון „האָלט". אָבער דאָ איז מעשונע ניט בלויז דאָס, נאָר נאָך עפּעס און וויכטיקערס. ווי קומט א ייִד פון ווײַסרוסלאנד, און נאָך א ייִדישער ייִד, ניט צו וויסן, וואָס „האָלט" איז? דאָס דאָזיקע וואָרט איז דאָך בא אזא ייִדן שטענדיק אין מויל. עמעס, ער ניצט אויך דאָס וואָרט „ליב" און ווייסט פונעם ווערטל „אז דיר איז ליב, איז מיר ניכע", אָבער „האָלט" און אויך „העלטער" (מער ווי „האָלט") זײַנען בא אים אלעמאָל אין דער ערשטער ריי. דער פארלאנג צו דיפערענצירן די באטײַטן פון „ליב" און „האָלט" האָט דאָ אונדזער אווטאָר פארפירט, און ער האָט ניט דערזען די פאקטישע און קינסטלערישע אומפּינקטלעכקײַט, וועלכע ער האָט דאָ געוויס צופעליק דערלאָזט.

די גרענעץ צווישן דובלעטן און סינאָנימען איז ניט אלעמאָל גענוג בויׄלעט, ווײַל זיי קרייצן זיך צײַטנווײַז איבער איינע מיט די אנדערע. א שפּראַך איז דאָך, ווי אלץ אין דער וועלט, שטענדיק אין באוועגונג, ביפראט — דער ווערטער־באשטאנד. נײַע ווערטער קומען אויף, און עלטערע פארשווינדן פון צײַט צו צײַט. די נײַע ווערטער, ווי ס'איז באוווּסט, ווערן געשאפן מיט די מיטלען פון דער אייגענער שפּראַך (וואָרצלען, פּרעפיקסן, סופיקסן אא.), אָדער מע נעמט פארטיקע פון אנדערע לעשוינעס און דיאַלעקטן. דערבײַ באקומען זיך אָפט דובלעטן און סינאָנימען, לעמאָשל: „הענקער" — פון דײַטש, „טאַליען" — פון העברעיִש, „קאט" — פון סלאווישע שפּראַכן. אָדער: „געפעס" און „געשיר" — פון דײַטשישע דיאַלעקטן.

דובלעטן און סינאָנימען קומען אויך אוף מאכמעס די ענדערונגען פון באטײַטן. אשטייגער: מיט די ווערטער „טײַטשן", „פארטײַטשן" האָט מען אמאָל געמיינט מאכן אף טײַטש (דײַטש). מיט דער צײַט אָבער האָט מען גענומען

(פאַר)טײַטשן אויך אױף אַנדערע שפּראַכן, און „(פאַר)טײַטשן" איז אַזױ־אַרום גע־
װאָרן אַ סינאָנים צו „איבערזעצן" און צו „דערקלערן". דאָס װאָרט „אױשער"
(עושר) באַטײַט אין העברעיִש רײַכקײַט, אין ייִדיש איז עס געװאָרן אַ סינאָנים
צו „גװיר", צו „נגיד". „אַדיר" איז אין העבריעִיש אַ שטאַרקער, אַ מעכטיקער,
אין ייִדיש — אַ גװיר, אַ נגיד. די װערטער „בעהײמע, פערד, אָקס, לאָקש,
גוילעם, בעהײמע בעצוראַס פערד" און אַ רײ אַנדערע זײַנען אָפּט סינאָנימען
צום װאָרט „נאַר". דעם זעלבן באַגריף דינט אױך דער ביבלישער נאָמען „װײַ־
זאָסאָ" (האָמאָנס אַ זון). דער ביבלישער נאָמען דאַלפן (דלפון — װײַזאָסאָס אַ
ברודער) איז געװאָרן אַ סינאָנים צו „אָרעמאַן, קאַפּצן, בעטלער, עװיען, אָני־
װעװיען" אאַ.

אין אַ לעבעדיקער שפּראַך קומט פאָר אױך אַ פאַרקערטער פּראָצעס:
דובלעטן און סינאָנימען הערן אױף צו זײַן אַלס אַזעלכע. „ליפּן" און „לעפצן"
האָבן אַ לאַנגע צײַט באַטײַט דאָס זעלבע, אין אונדזערע יאָרן איז „לעפצן" שױן
אַן אַרכאַיִזם — אַ פאַרעלטערט װאָרט, װאָס װערט אין דער לעבעדיקער שפּראַך
קימאַט װי ניט געניצט. „מער" און „מײן" דובלירן שױן זײער לאַנג אין דער
ליטעראַטור. אין װיצנהױזנס „תנ״ך" (טאַנאַך), אַמסטערדאַם, 1679, קאָנט איר
לײענען: „און' דיא קלוגהייט פון (שלמה) דיא װאר גרעשיר מין [איז געװען
גרעסער מײן. — ע. פ.] אז אל דיא קלוגהייט פון דען קינדר פון (מזרח) און'
מער אז אל דיא קלוגהייט (פון מצרים)"*. אָבער עס זײַנען פאַראַן מעקוימעס,
װוּ דאָס װאָרט „מײן"(=מער) איז אומבאַקאַנט. פאַרן ברײטן עולעם איז מיס־
טאָמע אױך אומבאַקאַנט דער אױסדרוק „שטילער", װאָס האָט זיך אַ צײַט גע־
האַלטן אין די מײַלער פון קרעמער, װען זײ האָבן צוליב געװיסע טײַמים ניט
געװאָלט אָנקומען צום װאָרט „גאַנעװ".

האַקלאַל, די ענדערונגען אין אַ שפּראַך ברענגען צום אױפקום פון דובלעטן
און סינאָנימען, װי אױך צו זײער אָפּגאַנג. דערבײַ גײען בײדע פּראָצעסן ניט
גאָר אַלײנס אין פאַרשײדענע טעריטאָריעלע און סאָציִאַלע דיאַלעקטן. אָט
פאַרװאָס עס איז טײלמאָל שװער צו דערפילן דעם כילעק צװישן דובלעטן און
סינאָנימען, אױב באַטראַכטן זײ אױסער אַ זאַץ. אָבער אין אַ קאָנקרעטן טעקסט
פילן מיר גאַנץ גרינג די מעכיצע צװישן זײ. סינאָנימען לאָזן זיך ברענגען
אין אַ זאַץ אײנע לעבן די אַנדערע, דובלעטן — ניט. סינאָנימען גיבן די מעג־
לעכקײַט צו באַטאָנען שאַטירונגען פון זאַכן, װי אױך אױסצודריקן דעם אױ־
טאָרס אַ פאַרשײדענע באַציִונג צו די זאַכן. אַ סינאָנים פאַרשטאַרקט דעם גע־

* דאָס װאָרט „און" האָט מען אין אַלט־ייִדיש מערסטנס געשריבן מיט אַ
קורצן „נ" און מיט אַן אַפּאָסטראָף נאָך אים. אין אַ רײ טעקסטן זײַנען די הע־
ברעיִזמען אין קלאַמערן.

דאַנק, דאָס בילד, באַרייכערט זיי, אָבער אַ דובלעט גיט ביכלאַל גאָרנישט צו אין דעקט נאָר אויף דעם שרײַבערס לאָהעטקײַט סטאַם נאָך ווערטער.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך מיט סינאָנימען טאָר מען ניט איבערכאַפּן די מאָס. די פאָדערונג פון שפּאָרזאַמקײַט איז כלל אויך אויף זיי.

אויב מע ברענגט אין אַ זאַץ עטלעכע סינאָנימען איינע לעבן די אַנדערע, שטעלט מען זיי אויס אין אַ געוויסער גראַדאַציע (בעהאַדראָגעדיקײַט, אָנוווּקס) סײַ לויט זייערע באַטײַטלעכע ניואַנסן און סײַ לויט זייערע פאָנעטישע אייגנ־שאַפטן, ווי אַשטייגער אין פאָלגנדיקע זאַצן שאָלעם־אַלייכעמס:

„ביסט אַ נאַר, ביסט אַ שוטה! אַ פערעאָדאָם ביסטו!"

„ווער עס האָט פערד, טאַקע סוסים, און ווער עס האָט פעגירעס, נעווייּ־לעס, פעל".

4. קלאָרקײַט און פּינקטלעכקײַט

וועגן דער וויכטיקײַט צו ריידן און שרײַבן קלאָר איז, דאַכט זיך, ניט נייטיק צו ריידן אַ סך. אַן אומקלאָרע שפּראַך איז קיין שפּראַך ניט. עס זײַנען אָבער פאַראַן פאַלן, ווען מע וויל דאַפקע, אַז וואָס ווייניקער מענטשן, ביפראַט „זײַטיקע", זאָלן דאָס געזאָגטע פאַרשטיין. דעריבער קומען אויף פאַרשיידענע פאַרשטעלטע שפּראַכן (זשאַרגאָנען, אַרגאָ): קלעזמעריש, אַקטיאָריש אאַ. אַשטייגער בא שאָלעם־אַלייכעמען: „ווער איז די שעכטע, וואָס שטייט לעבן דער סמיסאַנקע? — פרעגט סטעמפעניו אף קלעזמער־לאָשן... — גיי נאָר און פּראָבע אויס מאַטאַם, אָבער כודיקע" (דאָס הייסט: ווער איז די פרוי, וואָס שטייט לעבן דער קאַלע... גיי נאָר און ווער געוואָר, ווער איז זי, אָבער געשווינד).

פאַרשטעלט איז אָפט אויך די רייד פון גאַנאָווים און באַנדיטן. בא שאָ־לעם־אַלייכעמען איז פאַראַן אויך אַזאַ בײַשפּיל: „וואָס טיישט איר ווי די מיילע־כע לויגעמס? לאָז מען אים ניבדן די טהען מיט די סיף! — רופט זיך אָן דער הייזעריקער אף זייער פאַרשטעלטער שפּראַך..." (דאָס הייסט: וואָס שטייט איר ווי די ליימענע גוילעמס? לאָז מען אים בינדן די הענט מיט די פיס).

דאָ, ווי איר זעט, איז שוין אָנגעווענדט אַן אַנדער מיטל צו מאַכן די שפּראַך פאַרשטעלט: ניט מע פאַרבײַט די ווערטער אף אַנדערע און אומבאַוווּס־טע, נאָר מע טראַנספאָרמירט זיי פאָנעטיש. צו אַזאַ טראַנספאָרמאַציע קומען טײלמאָל אָן אויך קינדער, אַשטייגער בא מענדעלען: „אונדזער הערשעלע פאַלט אף אַ האַמצאָע בא מוישע־יאָסיס אָנקומען, און נישט לאַנג געטראַכט, מאַכט ער צו אים אף קונדעס־לאָשן אַזוי: — סויסע־סאָסי, מוישע־יאָסי, סו סילסט, דו ווילסט, סאַן סראַנק, זײַן קראַנק?".

אָדער אַזאַ פֿאַל פֿון פֿאַרשטעלטקייט בײַ שאָלעם־אַלייכעמען: „דער כיידער איז דעם אָדן [דעם הער. — ע. פּ.] דאַפּקע געפֿעלן. ער פֿרעגט, מאַ־יאָקאָר [ווי טײַער, וואָס קאָסט, וואָס פֿאַר אַ פּרײַז. — ע. פּ.], וויפֿל דאַבערט מען אים?"

צו פֿאַרשטעלטקײַט קומט מען אויך אָן, ווען מע וויל ניט אָנרופֿן געוויסע קעגנשטאַנדן אָדער פֿיזיאָלאָגישע אַקטן מיט זייערע נעמען. אַשטייגער: „איך ליג מיטן פּאָנעם אַראָפּ און מיטן ווי־הייסט־עס אַרויף" (מענדעלע); „זײַט ניט אָט דאָס, וואָס סע קוויטשעט" (שאָלעם־אַלייכעם); „ס'אַרט אײַך טאַקע לאַכלוטן נישט, וואָס אָט דער „איר זאָלט מיר מויכל זײַן" קריכט צו אײַך אין שטוב?" (בערגעלסאָן).

פֿאַרשטעלטקײַט און אומקלאָרקײַט ווערן אין דער שפּראַך אָנגעווענדט שוין זייער לאַנג. נאָך דער האַלב־לעגענדאַרער גריכישער מעשאָלים־שרײַבער עזאָפּ, וואָס האָט געלעבט אין VI יאָרהונדערט פֿאַר אונדזער ערע, פֿלעגט צו־ליב פּאָליטישע טײַמים אָפֿט אָנקומען צו אומקלאָרע רייד, צו רעמאָזים, פֿלעגט עפּעס ניט דערזאָגן, אָבער באַהאַוונטע מענטשן פֿלעגן זיך אָנשטויסן, וואָס ער מיינט.

אויך פֿרײַדענקער און רעוואָליוציאָנערן האָבן אין זייער קאַמף קעגן רע־ליגיע און קאָנסערוואַטיווע רעזשימען אָפֿט גענוצט אַ פֿאַרשטעלט לאָשן. ווי אַשטייגער, דער פֿראַנצויזישער פֿילאָסאָף דידראָ (1713 — 1784) אין זײַן אַטעיסטיש ווערק „אַ שפּאַציר פֿון אַ סקעפּטיקער".

אַנדערע, ביפֿראַט קירכלײַט און פּאַרטיידיקער פֿון קאָנסערוואַטיווע רע־זשימען, האָבן צוליב זייערע צוועקן אויך אָפֿט גענוצט און ניצן אַדהײַעם אומ־קלאָרע דיבורים. נאָך אין אוראַלטן גריכנלאַנד האָבן אַ ריי סאָפֿיסטן — די לערער פֿון כאָכמע און רעדנערקונסט — שוין געוווּסט ווי צו נאַרן דעם עולעם, אָנווענדנדיק פֿילבאַטײַטיקע ווערטער.

פֿילבאַטײַטיקײַט פֿון ווערטער (פּאָליסעמיע) איז אײגנטימלעך יעדער שפּראַך. דאָס וואָרט „אָפּעראַציע" אין מויל פֿון אַ כירורג, פֿון אַ בוכהאַלטער, פֿון אַ מיליטערמאַן — באַטײַט פֿאַרשײדנס. אַ ספּעציעלער און שטאַרק בוילע־טער פֿאַל פֿון פּאָליסעמיע איז האָמאָנימיע — ווען אַ וואָרט האָט פֿאַרשיידענע און גאַנץ ווײַטע באַטײַטן. אַשטייגער: ער וועט זײַן זײַן געהילף; זייער אַרבעט איז זייער וויכטיק; זאָגן אַ סאָד אין סאָד.

האָמאָנימען דינען אָפֿט אַלס מאַטעריאַל פֿאַר קאַלאַמבורן (וואָרטשפּילן). לעמאָשל: „איך... זאָג דעם (פֿערד) צו... ווײַזן אַ היי אין סידער" (שאָלעם־אַלײ־כעם). „בײַ אַ פֿאַבריקמאַכער הענגט דאָס לעבן אױף אַ האָר".

קורץ, אַ וואָרט איז ביכלאַל פּאָליסעמאַנטיש. מאָנאָסעמאַנטיש (אײנבאַטײַ־טיק) איז אַ וואָרט אין קאָנטעקסט. אַמאָל איז געננג, אַז דער קאָנטעקסט זאָל

זײַן א גאנץ קנאפּער. אשטייגער: „דער זון — די זון". און אמאָל העלפט ניט א גאנץ גרויסער קאָנטעקסט. אין אן אָפּהאנדלונג וועגן אווראָם רייזענען איז געזאָגט, אז ער „איז זעלטן מוזיקאַליש", און פון דער גאנצער אָפּהאנדלונג איז ניט קלאָר, צי דער דיכטער איז אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש צי ער איז זייער ניט אָפט מוזיקאַליש. דאָס וואָרט „זעלטן" איז געבליבן צווייִדײַטיק.

אָט מיט ענלעכע צווייִדײַטיקײַטן פון ווערטער פלעגן א ריי סאָפיסטן מאכן זייערע זאצן אומקלאָר.

צומאָל קאָן אזא צווייִדײַטיקײַט ניט שטערן און אפילע זײַן גאנץ צוגעפּאסט, ווי אין פאָלגנדיקן פראגמענט פון פּערעצעס „דאָס שטרײַמל": „די בריִע איז באַרעכהאשעם פריִער אין נאָך א קלענער שטעטל א מעלאמעד געווען. און מײַן טאטע, אָלעווהאשאָלעם — איידער ער האָט געזען, אז עס וועט שוין פון מיר קיין לײַט ניט זײַן, האָט ער מיך אהין געשיקט צו דער בריִע לערנען. עס איז געווען א שלימאזל, וואָס די וועלט פארמאָגט עס נישט! א זעלטענער מעלאמעד!"

אָבער אזעלכע פאַלן זײַנען גאנץ ווייניק. ביכלאל איז צווייִדײַטיקײַט אין דער שפּראך א גרויסער כיסאָרן, ווײַל מאכמעס דעם פארלירט זי איר הויפּט־אויפגאבע: קאָמוניקאַציע (פארקער, פארבינדונג). „ווערטער, — זאָגט דער אמעריקאנער ליִנגוויסט סעפּיר, — זײַנען ניט נאָר שליסלען, זיי קאָנען ווערן אויך קייטן".

צווייִדײַטיק קאָן א זאץ אמאָל ווערן אפילע איבער א שלעכט בינדוואָרט. לאָמיר באטראכטן דעם זאץ „די שיינע טאָכטער פונעם אוישער קאַלבאַ־סאָווואַ, וואָס האָט ליב באקומען אקיווען, ווען ער איז נאָך געווען אן אָרעמער פּאסטעך". ווער האָט ליב באקומען אקיווען — קאַלבאַ־סאָווואַ צי זײַן טאָכטער? דער סייכל זאָגט, אז די טאָכטער, אָבער דער בוי פונעם זאץ ווײַזט, אז קאַלבאַ־סאָווואַ. ווען דאָ וואָלט אָנשטאָט דעם „וואָס" זײַן „וועלכער" אָדער „וועלכע", וואָלט קיין צווייִדײַטיקײַט ניט געווען.

טיילמאָל איז א זאץ צווייִדײַטיק איבער א שלעכטן ווערטער־סיידער. אשטייגער: „אפן פראָנט וואקסן צו די פיס צו די שטיוול". דעם דאָזיקן זאץ קאָן מען לייענען אף צוויי אויפאנים: 1) אפן פראָנט וואקסן צו — די פיס צו די שטיוול; 2) אפן פראָנט וואקסן צו די פיס צו — די שטיוול. עמעס, דאָ איז ניט שטארק וויכטיק ווי צו לייענען, ווײַל דער טאָך פון דער אינפאָרמאציע איז אין ביידע פאַלן איינער און דער זעלבער. דער אונטערשייד איז דאָ נאָר א פאָרמעלער, א גראמאטישער: אינעם ערשטן פאל איז דער סוביעקט, דער טוער „די פיס"; אינעם צווייטן — „די שטיוול". אָבער אינעם זאץ „די סאָלדאטן האָבן אנטוואָפנט די ארבעטער" איז ביז גאָר וויכטיק צו וויסן, ווער וועמען האָט אנטוואָפנט. אלפי אינערציע וועט דער לייענער אופנעמען „די סאָלדאטן" פארן

סוביעקט, ווײַל מע איז געוווינט, אַז דער סוביעקט פאַרנעמט אין זאַץ מערסטנס דעם אויבנאָן. אָבער פון דעם ווײַטערדיקן קאָנטעקסט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אווטאָר האָט דאָ געוואָלט באַטאָנען גראָד דעם אָביעקט און האָט אים אָפּגעגעבן דאָס ערשטע אָרט. דערפון איז אָבער דער לייענער אַ געווויסע צײַט געווען דעזאָריענטירט.

ווען מע וויל אין אַזאַ פאַל, ווי דער ערשט אָנגעוויזענער, באַטאָנען דעם סוביעקט אָדער אָביעקט, דאַרף מען, קעדיי אויסצומײַדן אומקלאָרקײַטן, ענדערן ניט בלויז דעם סיידער פון די ווערטער, נאָר אויך דעם ווערטער־באַשטאַנד, די סטרוקטור פונעם זאַץ. אַשטייגער:

1. די אַרבעטער האָבן צוגענומען בא די סאָלדאַטן דאָס געווער.
2. די אַרבעטער האָבן בא די סאָלדאַטן צוגענומען דאָס געווער.
3. בא די סאָלדאַטן האָבן די אַרבעטער צוגענומען דאָס געווער.
4. דאָס געווער האָבן בא די סאָלדאַטן צוגענומען די אַרבעטער.
5. בא די סאָלדאַטן האָבן דאָס געווער צוגענומען די אַרבעטער.

אין די אַלע פראַזעס (און עס זײַנען מעגלעך נאָך קאָמבינאַציעס) איז דער סוביעקט — „די אַרבעטער", און אין יעדער פון זיי זײַנען אַקצענטירט פאַרשיידענע זאַצגלידער.

פאַרשטייט זיך, אַז אָפט דערקענען מיר דעם סוביעקט און אָביעקט אַדאַנק דער לאָגיק אָדער דער מיטשטימונג, ווי אין די זאַצן: „די צײַטונג האָט געלייענט די שוועסטער"; „די רעוואָלוציע האָבן געמאַכט די אַרבעטער". אָפט דערקענען מיר די דאָזיקע זאַצגלידער אויך אַדאַנק דער בייגפאָרמע, ווי אין פאָלגנדיקע פערזן פון מאָישע־לייב האַלפּערן:

וואָס גיכער די באַן שטופּט דעם רויך פאָרויס,
אַלץ גיכער שטופּט זי דער רויך פאָרויס;
און וואָס גיכער דער רויך שטופּט די באַן פאָרויס,
אַלץ גיכער שטופּט זי אים אַרויס.

אָבער אין די פאַלן, ווו די לאָגיק, די בייגפאָרמע אָדער די מיטשטימונג פונעם פּרעדיקאַט מיטן סוביעקט זײַנען ניט גענוג אַף אויסצומײַדן אַ צווייטײַטיקײַט, דאַרף מען טאָן, ווי ס'איז אויבן אָנגעוויזן, אָדער אָנעמען אַנדערע מיטלען און ניט דערלאָזן קיינע אומקלאָרקײַטן.

אַן אינטערעסאַנטן בײַשפּיל צו דער דאָזיקער טעמע האָבן מיר בא שאָלעם־אַליכעמען: „אַ גאַדלען האָט אָבער פײַנט די וועלט, דאָס הייסט, ניט ער האָט פײַנט די וועלט, נאָר די וועלט אים". ווײַל שאָלעם־אַליכעם האָט מיסטאָ־

מע צוליב שפּאס געבראַכט אַ „שלעכטן" ווערטער־סיידער, האָט ער ספּעציעל געמוזט אויסטײַטשן דעם אינהאַלט.

קעדיי אויסצומײַדן אומקלאָרקײַטן אין דער שפּראַך, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אַ וואָרט האָט ניט בלויז אַ באַטײַט אָדער אַ סומע באַטײַטן, נאָר אויך אַ מיין. דער דיכטער כאַשטשעוואַצקי האָט עס אויסגעדריקט אַף אַזאַ אויפן:

מיר זאָגן — אַ הויז,
און דער אויסזען פון אויסיעס,
דער קלאַנג פונעם וואָרט ניט אַנטפּלעקט,
נאָר פאַרדעקט,
צי מיר מיינען
אַ מעכטיק פילגאָרנדיק הויז עס
צי אַ שטיבל אַ ליימענס
אין שטעטלשן העק.

(„ראַפּאָרט", 1931, ז. 122).

אויב מע וויל אַנטפּלעקן דעם עמעסן מיין פון אַ וואָרט, גיט מען צו דעם צו פאַרשידענע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס קאָנקרעטיזירן דעם אָנגערופענעם קעגנשטאַנד: אַ גרויס הויז, אַ הויז פון ציגל, אַ הויז באַם טײַך אאַוו. אָבער ניט אַלע מענטשן ווילן דאָך אַנטפּלעקן דעם עמעסן מיין פון זייערע רייד. עס איז גוט באַוווּסט די סענטענץ פונעם פראַנצויזישן פּרינציפּלאָזן דיפּלאָמאַט טאַלייראַן (1754 — 1838): „אַ שפּראַך איז געגעבן, קעדיי צו באַהאַלטן די געדאַנקען". און ער האָט געוווּסט, וואָס ער זאָגט. ער האָט געהאַט באַקומען אַ סאָלידע רעליגיעזע דערציִונג, האָט אַ סאַך יאָרן פאַרנומען גאָר־גאָר געהויבענע פּאָסטנס אין דער קירכלעכער וועלט און האָט געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג... ווי צו נאַרן און אוילעם. די דאָזיקע דערפאַרונג האָט ער באַזונדערס אויסגעניצט, ווען ער איז געוואָרן און אויסערן־מיניסטער בײַ נאַפּאָלעאָן דעם I, וועלכער איז אויך געווען אַן אָנהענגער פון פאַרשטעלטע רייד אין געוויסע סיטואַציעס און האָט, אַשטייגער, באַם הייסן מאַכן אַ פּראָיעקט פון אַ קאָנסטיטוציע געקאָנט אָנזאָגן: „שרײַבט קורץ און אומקלאָר".

„קעדיי צו באַהאַלטן די געדאַנקען", זײַנען פאַראַן, ווי מיר האָבן געזען, גענוג מיטלען, און איינס פון זיי איז דער פאַקט, וואָס אַ וואָרט איז אַ פאַראַלגעמיינערונג און באַדעקט אָפט קעגנזעצלעכע באַגריפן. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער פאַקט איז באַזונדערס צום האַרצן טאַלייראַנס נאָכפאָלגער, די בורזשואַזע פּאָליטיקער און זייערע מעשאָרסים, וועלכע באַמיִען זיך אין אַ ריי פאַלן

ניט צו אנטפלעקן, נאָר צו פאַרדעקן דעם עמעסן מיין פון זייערע ווערטער, איבערהויפּט, ווען עס גייט א רייד וועגן סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס.

אָט פאַרוואָס די פירער פונעם אַרבעטער־קלאַס האָבן שטענדיק אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער דאָזיקער ספּעציפיק פון ווערטער. ווען מאַרקס און ענגעלס ווייזן אָן אינעם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אַז דער פּראָלעטאַריאַט „זעלבסט איז נאָך נאַציאָנאַל", גיבן זיי צו: „כאָטש גאָר ניט אין דעם זין, ווי דאָס מיינט די בורזשואַזיע".

אָדער, אַשטייגער, בא לענינען: „בא אונדז מיט אונדזערע קעגנער איז דער גרונטיקער ווידעראַנאַנד אין פאַרשטיין, וואָס איז אָרדענונג און וואָס איז געזעץ. ביז אַהער האָט מען געהאַלטן, אַז אָרדענונג און געזעץ איז דאָס, וואָס איז באַקוועם די פּריצים און די טשינאָווניקעס, און מיר באַהויפּטן, אַז אָרדענונג און געזעץ איז דאָס, וואָס איז באַקוועם דער מערהייט פּויערטום" (פון א רעדע אויפן ערשטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון פּויערשע דעפּוטאַטן דעם 22 מיי 1917).

„קאַלזמאַן עס זיינען ניט פאַרניכטעט די קלאַסן, — האָט לענין געלערנט, — איז ווען עס גייט א רייד וועגן פרייהייט און גלייכהייט, דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן די פראַגע: פרייהייט פאַר וועלכן קלאַס? און צו וואָס פאַר א באַנוץ? גלייכהייט פון וועלכן קלאַס מיט וועלכן? און אין וואָס פאַר א זין?.." זעט אויך לענינס אַרטיקל „קאָמו וויגאָדנאָ?" (ווער מען לוינט עס) פונעם 11 (24) אַפּריל 1913.

די ספּעציפיק פון ווערטער צו פאַראַלגעמיינערן און צו קאָנען פאַרשלייערן זאַכן און באַגריפן האָבן פון צייט צו צייט אָפּגעדעקט אויך אונדזערע קלאַסיקער. אַשטייגער, אין דעם צווייטן טייל פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" איז דאָ אַזא בילד:

....„פּיניע האָט זיך אָנגעצונדן און... גענומען... שיטן מיט פייערדיקע הויכע ווערטער: אַז אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד, זאָגט ער, פון עמעסער פרייהייט און פון עמעסער גלייכהייט, אין אַמעריקע, זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אָט אַ־דאָ־אָ און נעבן דיר זאָל זיצן דער „פּרעזידענט" און ווייטער א ביסל זאָל זיצן א בעטלער, א שלעפּער, א ניקס שעבעניקס. און נאָך א ביסל ווייטער — א גראַף, א סראַרע, א מיליאָנשטשיק!.. מישט זיך אַריין א ייִד אַן עמיגראַנט, א ווילד־פרעמדער:

— אַז ס'איז יאָ אַזא גליקלעכע מעדינע, ווי איר זאָגט, ווו אַלע זענען גלייך, פאַרוואָס זשע נעמען זיך דאָרטן שלעפּערס און גראַפן און בעטלערס און סראָרעס?.."

און אָט איז אַן אויסצוג פון פּערעצעס „ווערבערליבע", פאַרפאַסט אין 1897:

„דערפֿאַר איז אָבער הײַנט אַ פֿרײַע וועלט, קיינער טאָר מיך נישט צווינגען, איך זאָל אַרבעטן... אַ פֿרײַער פֿויגל בין איך; נאָר ווער עס וויל, שיסט מיך, פּליקט מיך אָפּ און לייגט מיך אין טאָפּ אַרײַן. איך וואָלט געוועזן אַ פֿרײַער מענטש, איך זאָל קיין מאָגן נישט האָבן, ער זאָל נישט מאָנען: עסן און עסן...

איך וויל נעמען אַ סך, דער ברויטגעבער וויל געבן ווייניק; מיר ביידע זענען פֿרײַ, און דאָך קאָן ער זיך אָן מיר באַגיין, און איך אָן אים נישט.

הײַנט הער איך אויף צו אַרבעטן, מאָרגן וואַרפֿט מען מיך אַף צוויי שפּענער פֿון דירע אַרויס; איבערמאָרגן קריג איך מאָגן־קרעמפּ פֿאַר הונגער...״

ווי איר זעט, האָט דאָ דער וועבער אַ טאָעס, וועלכן עס האָבן אַ סך מענטשן, מיינענדיק, אַז אַ „ברויטגעבער״ קאָן זיך באַגיין אָן אַרבעטער. אינדערעמעסן, מוז ער אָנקומען צו אַרבעטער ניט ווייניקער, ווי זיי צו אים. וואָרעם פֿון זיי, פֿון זייער האָרעוואַניע, פֿון זייער מערוווערט איז זײַן האַכנאָסע. אָבער גלײַכצײַטיק איז צו זען, אַז דעם איניען פֿרײַהײַט האָט אונדזער וועבער מיט פֿיל יאָרן צוריק באַנומען זייער גוט — בעסער און טיפֿער, איידער אַ סך איצטיקע אינטעלעקטואַלן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס, וואָס איז דאָ געזאָגט וועגן „אָרדענונג״ און „געזעץ״, וועגן „גלײַכהײַט״ און „פֿרײַהײַט״, האָט אַ שײַכעס צו זייער אַ סך ווערטער, בפֿראַט פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס.

האָקלאָל, לאָמיר זיך באַמיִען צו ריידן און שרײַבן אַזוי, אַז די שפּראַך זאָל זײַן וואָס קלאָרער און פּינקטלעכער און זאָל העלפֿן וואָס בעסער און טיפֿער צו פֿאַרשטיין זאַכן, פּראָצעסן, דערשײַנונגען פֿונעם גאַנצן אַרום.

5. וואָרט־אויסוואַל

באַם אָפּקלײַבן פֿאַר אַ טעקסט געהעריקע אויסדרוקן רעכנט מען זיך מיט דער טעמאַטיק פֿונעם טעקסט, מיט זײַן ציִלגעווענדטקײַט, מיט דער אידייען־וועלט פֿון די געשטאַלטן, מיט זייער מאַניר פֿון ריידן, געדענקענדיק, אַז אין אַ שפּראַך זײַנען פֿאַראַן דיאַלעקטן און גרעסערע אָדער קלענערע אונטערדיאַלעקטן — ניט בלויז טעריטאָריעלע, נאָר אויך סאָציאַלע: פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן, פּראָפֿעסיאָנעלע שיכטן, געשלעכטן אאַ. לאָמדים, אַשטייגער, זײַנען געוווינט אַרײַנצושטעלן אין זייערע זאַצן געמאָרע־אויסדרוקן, וואָס אַ דורכשניטלעכער ייִדיש־ריידער קומט צו זיי ניט אָן און פֿאַרשטייט זיי ניט. ייִדן, וואָס האָבן באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיִעזע דערציִונג, ניצן העברעיִשע ווערטער און ביבלישע אידיאָמען אַ סך אָפֿטער, איידער זייערע פֿרויען. דינעזאַנס מירעלע, וועלנדיק אין איר בריוו צו הערשעלען זיך פֿאַרצושטעלן פֿאַר אַ מאַנס־

פארשוין, האָט געמוזט פעסטשטעלן, „אז איר פעלן די געברויכלעכע לאָשנקוי־דעש־ווערטער, ווי א באלעבאָס א מאנצבל ברויכט צו שרײַבן". און אוואדע און אוואדע זײַנען אזעלכע ווערטער ניט געווען אין מויל פון אזא, ווי כאַים דער טרעגער פון פערעצעס „שאָלעם־באַיס", וועלכער האָט זיך געקלאָגט, אז ער פארשטייט אפילע ניט דאָס דאווענען. אין פערעצעס „האַישאָ מאַראס כאנע" זײַנען די בריוו אָנגעפיקעוועט מיט העברעיזמען, אָבער אין „וועבער־ליבע" — ניט. א מענטש, וואָס לייענט צײַטונגען אָדער וואָס הערט שטענדיק ראַדיאָ, ניצט אָפטער אינטערנאציאָנאליזמען, איידער א מענטש, וואָס איז ווײַט פון זיי. א געוויסע דיפערענץ איז אויך פאראן אין דער שפראך פון עלטערע און יינגערע דוירעס.

פארשטייט זיך, אז סאָציאַלע שיכטן זײַנען ניט איזאָלירט איינע פון די אנדערע, דעריבער גייען ווערטער פון איין דיאַלעקט אָפט אריבער אין א צווייטן און ווערן מיט דער צײַט אלפאָלקישע. אשטייגער: די לאָמדישע (טאלמודישע) ווערטער „אגעוו, אגעוו־אורכע, אדעראבע, (א)לעמײַ, בעפארהעסיע, גופע, דע־היינע, האלעווײַ, מיילע (מעמיילע, בעמיילע), מיסטאמע, מעכ(ע)טייסע אָדער מאכטייסע, קנופיע" און א סאך אנדערע זײַנען שוין לאנג פארשפרייט אינעם פאָלקסלאָשן, און בא אייניקע פון זיי האָט זיך אין יידיש געענדערט אפילע דער באטײַט. און דאָך איז צווישן דיאַלעקטן נאָך אלץ פאראן א היפשער כי־לעק, און באם אָפקלײַבן פאר א טעקסט אויסדרוקן דארף מען וויסן, וואָס נעמען און וואָס ניט, רעכענענדיק זיך אויך מיט זייער פארשפרייטקײַט און צו־געגנגלעכקײַט. אשטייגער: די ווערטער „אויב", „טאָמער" זײַנען מער באקאנט, איידער „בעים"; „באגינען", „פארטאָג", „גאנצפרי" זײַנען מער באוווסט, איידער „קאיאָר" און אוואדע און אוואדע איידער „קאאלויס".

נאטירלעך, אז אין אלע פאלן ווערט אין אכט גענומען ניט דער לעכאט־כילעדיקער, דער עטימאָלאָגישער, באטײַט פון א וואָרט, נאָר זײַן איצטיקער, דער קאָנקרעטער, און זײַן אקטועלער מיין. דאָס וואָרט „מעכ(ע)טייסע" האָט (אין העברעיש־אראמיש) באטײַט „פונוואנען קומסטו", אָבער אין יידיש הייסט עס: „אדעראבע", „זייער גערן", „זאָל טאקע זײַן אזוי". דאָס וואָרט „אדעראבע" (אויך פון אראמיש) באטײַט איצט ניט נאָר „פארקערט", נאָר אויך „באוויליקונג", „האסקאָמע", „זייער גערן". עס איז באקאנט דער זאָג: „איך בין מיט אים אדעראבע־וועאדעראבע, און ער איז מיט מיר קידער־ווידער".

דעם אקטועלן באטײַט און מיין פון א וואָרט באשטימט אָפט דער זאץ. דער אינהאלט פון א זאץ ווערט געווייינלעך סומירט פון די באטײַטן פון זײַנע ווערטער, אָבער דער זאץ גופע גיט זײַנע ווערטער צו א קאָנקרעטן מיין. אש־טייגער: „זי [שפרינצע פון פערעצעס „דער מעשולעך". — ע. פ.] האָט שוין אפילע ניט געקאָנט שעלטן, דער גאנצער שייגעץ איז איר פון קאָפ ארויס..."

דאָס וואָרט „שייגעץ" איז אין ייִדיש אנטשטאַנען צוליב שאָוויניסטישע טײַמים אף אָנצורופן א ניט־ייִדיש ייִנגל. מיטן וואָרט „שייגעץ" אָדער „שקאָץ" מיינט מען אָפט אויך א „האָזעניק", א „מעכוצעף־פּאָנעם", א „קונדעס", א „שטיפער" אא. אשטייגער, אין פּערעצעס „א קלעזמער־טויט": „ — הערט, קינדער... שפּילט אָן מיר, ווי מיט מיר, שפּילט גוט... זײַט נישט קיין שקאָצים אף אָרעמע כאַ־סענעס..." אָבער אינעם זאַץ וועגן שפּרינגען באַטײַט „שייגעץ" גאָר עפּעס אַנדערש: קאַס, צאָרן, אופגעבראַכטקײַט. און דאָס דרינגט פונעם גאַנצן זאַץ.

אָדער נאָך א בוילעטערער בײַשפּיל: „מע קלעטערט ארוף אין איין שמאַ־ייִסראָעל אפן העכסטן בוים" (שאָלעם־אַלייכעם). דער אויסדרוק „שמאַ־ייִסראָעל" (שמע ישראל) איז אן אָנהייב פון א רעליגיִעזער פאָרמולע וועגן דער איינציקײַט פונעם ייִדישן גאָט יאַהווע (יהוה), וועלכע פרומע ייִדן כאַזערן איבער א פּאָר מאָל א טאָג. דער אויסדרוק באַטײַט: „הער, ייִסראָעל" (הערט, ייִדן). ווי די מערהײַט רעליגיִעזע טעקסטן, זאָגט מען אויך די דאָזיקע פאָרמולע געוויינלעך ארויס גיך, אָפּגעכאַפּט, פון יויצע וועגן. אף דעם סמאַך גיט שאָלעם־אַלייכעם צו צו די ווערטער „אין איין שמאַ־ייִסראָעל" דעם מיין פון „זייער גיך", „מיט איין אָטעם", און דער זאַץ העלפט צו אנטפלעקן דעם דאָזיקן מיין.

א געוויסע ווירקונג אפן אָפּקלײַב פון אויסדרוקן, ביפראַט אין דירעקטע רייד, האָט אויך דער געמיט־צושטאַנד פונעם פּערסאָנאַזש, וואָס ווערט געשילדערט. פאַרגלײַכט, לעמאָשל, די שפּראַך פון די צוויי ווײַבער אין פּערעצעס „מוסער", כאָטשבי אין פאָלגנדיקן פראַגמענט:

„ — אז מײַן מאַן איז געשטאָרבן — הייבט אָן גרונע.

— וויִאַזוי רעדסטו עפּעס, גרונע?

— וויִאַזוי זאָל איך ריידן?

— אָן „זיכרוינע־ליווראָכע"? און — „ניפטער געוואָרן" זאָגט מען...

— אלציינס, ניפטער געוואָרן צי געשטאָרבן, באַגראָבן האָט מען אים...

— צו קייווער־אָוועס געקומען...

— זאָל זײַן צו קייווער־אָוועס... נאָר מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט דרײַ יעסוימים — טעכטער..."

גרונע, א סויפערס אַן אלמאָנע, ווייסט, אז וועגן א „שיינעם ייִדן" זאָגט מען „ניפטער געוואָרן", „צו קייווער־אָוועס געקומען", איר איז אָבער שווער אפן האַרצן, ניצט זי מער וואָכעדיקע ווערטער.

אפן אָפּקלײַב פון אויסדרוקן האָט אויך צו זאָגן דעם שרײַבערס שפּראַכלעכע אָריִענטאַציע. זעט, לעמאָשל, וויִאַזוי מיט א סאַך יאָרן צוריק האָבן וויצנהויזן און בליק אין זייערע טאַנאַכן איבערגעזעצט איינע און די זעלבע פּסוקים:

ווינצהויזן

1. וויא גאר שין (שיין. — ע. פ.) איז דיינע גרושי פריינדשאפט. מיין שוועסטר (ליבה) (כלה)*.
2. ער האָט דיא (לבנה) בישאפן צו דען (ימים טובים).

בליץ

1. וויא גאר שין איז דיין ליבשאפט מיין שוועסטיר. אויך ברויט**.
2. ער האָט דיא מאונט בשאפין פאר דיא גזעצטי הוך צייטין.

ביידע איבערזעצונגען זײַנען דערשינען אין אמסטערדאם קימאט אײנצײַ־טיק: ווינצנהויזנס אין 1679, בליצס אין 1676 — 1679. ווי פארשיידן אָבער זײַנען זייערע סטילן. ווינצנהויזן האָט זיך אָריענטירט אף די יידישע דיאַלעקטן פון די לענדער בעמען (באָהעמיע), מערן (מאָראַוויע), עסטרײַך, פוילן און דײַטשלאַנד און האָט, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער פאָרעדע צו דער איבער־זעצונג, „קייני ווערטער אין דיזם ספר גיברויכט דיא היא אין הולאנד אודר פריז לאנד מורגל זיינן [גייען אָן, זײַנען פארשפרייט. — ע. פ.]". בליץ אָבער האָט זיך אָריענטירט אף די אָרטיקע דיאַלעקטן און האָט געשטרעבט צו ברויכן וואָס מער דײַטשישע פאָרמעס. אזא אָריענטאַציע האָבן געהאַט א סאך שרײַבער נאָך פריער פון בליצן. דאָס באַשטעטיקן א ריי עלטערע טעקסטן, ווי אויך דאָס אײדעס זאָגן פון אזא אויטאָריטעט, ווי פראָפעסאָר יאָהאַן בוקסטאָרף דער על־טערער (1564 — 1629), איינער פון די גרעסטע קענער פון העברעיש און יידיש צווישן ניט־יידן, וועלכער האָט אין זײַן העברעישער גראַמאַטיק, געשריבן אין לאַטײַן (1609), אינעם קאַפּיטל וועגן יידיש שוין געהאַט קאָנסטאַטירט וועגן די יידן פון זײַן צײַט, אז די, „וואָס זײַנען איצט א ביסל זאָרגעוודיקער געביל־דעט, באַמיען זיך איבערצוזעצן פײַנער און קלאָרער און פאַסן זיך צו צו דער אייגנטימלעכקײַט פון דער דײַטשישער שפּראַך".

---

* אין קאנטיקע קלאמערן ברענגט ווינצהויזן א וואָרט, וואָס איז ניט פאראַן אין דער ביבל, אָבער וואָס ער האלט פאר נייטיק צוצוגעבן אין דער איבער־זעצונג.

** „קאלע" איז אף דײַטש „בראוט". דאָס וואָרט „קאלע" (אין העברעיש „כלה") ווערט געניצט אויך אין דײַטש (קאללע): א קאלע, א געליבטע.

ווי ס'איז באַוווּסט, זײַנען אַזעלכע באַמיִונגען אָפּט אָנגעגאַנגען אויך אין אַ רײ שפּעטערדיקע יאָרן. אַפֿילו אונדזערע עלטערע רעוואָלוציאָנערע דיכטער האָבן טיילמאָל געזינדיקט דערמיט. אַשטייגער: בײַ עדעלשטאַטן (1866 — 1892): „אין דעם לאַנד דער פּיראַמידן וואָר [איז געווען. — ע. פּ.] אַ קיניג בייז און שלעכט, און עס וואַרן אַלע ייִדן זײַנע דינער, זײַנע קנעכט". אָדער בײַ באַוואָרשאָוערן (1873 — 1915) — אין זײַן ליד „צום אָנדענקען פֿון דאָוויד עדעלשטאַט": „דאָרטן אין אַן אָרעמען שטיבל ליגט פֿאַרגליווערט אויפֿן בעט איצט די לײַכע פֿון אַ קערפּער — פֿון אַן אַרבעטער־פּאָעט".

נאַטירלעך, אַז בײַם אָפּקלײַבן אויסדרוקן שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָליע דעם שרײַבערס אידייִש־קינסטלערישע קאַוואָנעס, זײַן באַציִונג צו די פּערסאָנאַזשן, צו זייער שטייגער, צו זייער גאַנצן אַרום. אַ שרײַבער איז דאָך ניט קיין גלײַכגילטיקער רעגיסטראַטאָר פֿון סתּם געשעענישן און ניט קיין פֿאָטאָגראַף פֿון צופֿעליקע קליִענטן. אַ שרײַבער איז אַ לערער, אַ דערציִער, אַ וועגווײַזער. ער זאָרגט וועגן דעם, אַז אויך דער לייענער זאָל ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צום געזאָגטן, צום געשילדערטן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ שרײַבער אַ בעלעטריסט אַנטפּלעקט זײַנע קאַוואָנעס ניט דירעקט, ניט פּובליציסטיש, נאָר אויף אַ קינסטלערישן אופֿן. זעט, ווי אַזוי מענדעלע גיט אַ בילד פֿון לײַבצע דעם רויטנס איידעמל:

„אינמיטנדערינען טוט זיך אַן עפֿן די טיר — און עס ווײַזט זיך אַ גרויסער טאַלעס־און־טפֿילין־זאַק... נאָך דעם טאַלעס־און־טפֿילין־זאַק ווײַזט זיך אַ הענטל, עס טוט אַ שמיר די מעזוזע. נאָך דעם שמיר הערט זיך אַ קוש, נאָך דעם קוש ווײַזן זיך פּיסלעך — און אין שטוב רוקט זיך אַרײַן מיט אַ מעשונעווילדן „גוט־מאָרגן", אַ קליין יונגערמאַנטשיקל, אַ דאַרס, אַ בלייכס, אין אַ לאַנגער לאַסטיגענער קאַפּאָטע מיט אַ יאַמשן שטעקעלע אין דער האַנט" („דאָס ווינטשפֿינגערל").

קוקט זיך צו צום בוי פֿונעם בילד, צו דער עקספּאָזיציע פֿון זײַנע קעגנשטאַנדן, צו די טנועס פֿונעם פּאַרשוין, וואָס ווערט דאָ געוויזן, און צו די שפּראַך־מיטלען, וואָס ווערן דאָ אָנגעווענדט, וועט איר דערפֿילן אויך דעם שעפֿער פֿונעם בילד און זײַן באַציִונג צום איידעמל.

אַן עכטער וואָרט־מײַסטער נייטיקט זיך ניט אין אויסטערלישע ווערטער און קומט ניט אָן צו קיין געשוואָלענע זאַצן. ער שפּילט אויף אַלע קיילים פֿון דער שפּראַך און ווייסט, ווען וואָס פֿאַר אַ קיילע צו לאָזן הערן. פּערעץ הייבט אָן זײַן אויסגעצייכנטע נאָוועלע „אויב נישט נאָך העכער" מיטן וואָרט „און": „און דער נעמיראָווער פֿלעגט סליכעס־צײַט יעדן פֿרימאָרגן נעלעם ווערן, פֿאַרשווינדן". דער „און", וואָס געוויינטלעך קומט ער צו פֿאַרבינדן זאַצן און זאַצטיילן, איז דאָ גאָר אויפֿן ערשטן פּלאַן, און דאָס זאָגט זייער אַ סך. דער „און"

מאַכט אײַך זען אַ רעדל כסידים, וואָס דערציילן וווּנדער פֿון גוטע־ייִדן, און אַקטיוויזירט אײַער אויפֿמערקזאַמקײַט צו הערן אַן אומגעריכטע געשיכטע וועגן דעם נעמיראָווער מײַסים — אַ געשיכטע, וואָס אַנטפּלעקט פֿאַר אײַך דעם גרויסן הומאַניזם פֿון איר אווטאָר.

צוועלצט, נאָך אַ וויכטיקער פּראַט. באַם אָפּקלײַבן אויסדרוקן נעמט מען אין אַכט באַנאַנד מיט אַלע אָנגעוויזענע אייגנשאַפֿטן אויך זייער פֿאָנעטישע און גראַפֿישע צוגעפּאַסטקײַט פֿאַרן לאָשן. ווען איר האָט פֿאַר זיך די דובלעטן „אונטערוואַסער־שיפֿ(ל)", „סובמאַרין", „טונקשיפֿ(ל)", וועט איר זיך געוויס אָנכאַפּן פֿאַרן לעצטן טערמין. צווישן „בעהעמאָט" און „היפּאָפּאָטאַם" וועט איר גיכער אויסקלײַבן דאָס ערשטע. און אויב מע וועט אײַך פֿרעגן, וואָס איז גלײַכער „מעלקשעפֿל" צי „דויניצע", וועט איר זיך אַוואַדע כידעשן, וואָס אַזאַ פֿראַגע קומט גאָר אויף. דאָס וואָרט „מעלקשעפֿל" רעדט צו אײַך, צו אַלע אײַערע כושים, רופֿט בײַ אײַך אַרויס אַ ריי זיכרוינעס, אָבער „דויניצע" איז אַ פּוסטער קלאַנג. דעריבער: אויב אַ שרײַבער איז פֿאַרט פֿאַרקאָכט אין אַזעלכע ווערטער, ווי „דויניצע", „דנן", „באַריקוזיכטיקן", „פֿאַסצינירן", „דעפּאָפּולאַציע" און ענלעכע, וואָס ליגן ווי שטיינער, ווי שטעכלדראָט אויפֿן לייענערס וועג, זאָל מען צו אַזעלכע אויסטערלישקײַטן כאָטש צוגעבן ייִדישע טײַטשן.

6. פּסוקים און טײַטשן

אַ ריי שרײַבער און זשורנאַליסטן ווערן אָפֿט פֿאַרכאַפּט פֿון פּסוקים און ציטאַטן ביכלאַל. איז לאָמיר עפּעס דערמאָנען וועגן דעם. ציטאַטן שפּילן אַ היפּשע ראָליע אין וויסנשאַפֿטלעכע און פּובליציסטישע אַרבעטן. מיט אַ ציטאַט פֿון אַ געוויסן אווטאָריטעט באַשטעטיקט מען אַן אייגענע מיינונג. די ציטאַט קומט אין אַזאַ פֿאַל אַלס אַן אײדעס (דאָס וואָרט „ציטאַט" נעמט זיך פֿונעם לאַטײַנישן „ציטאָ" — איך רוף אַלס אײדעס). צומאָל ברענגט מען אַ ציטאַט, קעדיי צו פּאָפּוליאַריזירן איר אווטאָר אָדער קעדיי צו פּאָלעמיזירן מיט איר, אָפּצופֿרעגן אירע באַהויפּטונגען. אָפֿט נעמט מען אַ ציטאַט, מאַכמעס זי איז קורץ און פֿײַן, און מע קאָן מיט איר גוט אויסדריקן אַן אייגענעם געדאַנק. אין אַזאַ פֿאַל איז באַזונדערס צוגעפּאַסט אַ פֿאָלקס־ווערטל, אַ באַקאַנטער אַפֿאָריזם, אַ טרעפֿלעכע פֿאָרמולירונג, וואָס רעדט ווייניק און זאָגט אַ סאַך.

טיילמאָל אָבער טרעפֿט איר ציטאַטן אומבאַרעכטיקטע, ווי, לעמאָשל, אין פֿאָלגנדיקן פֿראַגמענט: „אַלע האָבן געוווּסט, אַז משה איז געשטאָרבן אויפֿן באַרג נבו [נעווו, נעוואָ. — ע. פֿ.], און קיינער פֿון זײַנע מיטצײַטלער, שוין אָפּגערעדט פֿון די שפּעטערדיקע דורות, האָט נישט געוווּסט, ווו זײַן קבר

איז — ולא ידע איש את קברתו עד היום הזה — און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווּ ער איז באַגראָבן געוואָרן, ביזן הײַנטיקן טאָג". דאָ גיט די ציטאַט גאָרנישט צו צום איבעריקן טעקסט. ווען מע מעקט זי אויס און איינעם מיט איר אויך די ווערטער, וואָס נאָך איר, ווערט מען פּאַטער פֿון פּוסטע שורעס.

איך רייד דאָ וועגן דער ציטאַט ריין פֿאָרמעל. אויב צוגיין ערנסט צו דער אינפֿאָרמאַציע פֿונעם פֿראַגמענט, מוזן אויפֿקומען אייניקע שײַלעס: ווי עס איז גוט באַוווּסט פֿון כומעש, זײַנען ארום מוישען געווען מאַסן מענטשן, וועלכע ער האָט פֿאַרן טויט געהאַט געבענטשט. ווי זשע קומט עס, וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט, ווּ ער איז באַגראָבן געוואָרן? אויב קיינער האָט ניט געוווּסט, פֿונוואַנען האָט זיך דערוווּסט דער אויטאָר פֿונעם כומעש — ער ווײַזט דאָך געווי אָן דאָס אָרט פֿון דער קוואָרע: „אין טאָל פֿונעם לאַנד מואָוו אַקעגן בייס־פּעויר"! און אויב אין כומעש איז דאָס אָרט אָנגעוויזן, פֿאַרוואָס האָבן די שפּעטערדיקע דוירעס ניט געוווּסט פֿונעם אָרט? עפּעס איז דאָ אַלץ זייער ניט גלאַט. צום כומעש קאָן מען, פֿאַרשטייט זיך, קיין טײַנעס ניט האָבן. מוישע ווערט דאָרט פֿאָרגעשטעלט ווי אַן אויסטערלישע פֿיגור, וואָס האָט ראַק געוויזן וווּנדער און האָט, לויט דער מיינונג פֿון די שפּעטער און צונויפֿשטעלער פֿונעם כומעש, געשפּילט אַן אומגעהײַערע ראָל אין אַ געוויסן פּעריאָד פֿון דער ייִדישער געשיכטע. אין די מײַסעס וועגן מוישען זײַנען פֿאַראַן אַן אַ שיר לעגענדעס, טײלווײַז אויסגעמישטע מיט ווירקלעכע געשעענישן, ווי אויך אַ סאַך סטירעס און נאַיִוּוקײַט, ווי געוויינלעך אין מײַסעס, וואָס זײַנען פֿאַרפּאַסט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אינעם קינדערשן עלטער פֿון דער איצטיקער מענטשהײַט. ווען מיר לייענען די דאָזיקע לעגענדאַרע מײַסעס, האָבן מיר אָפּט האַנאָע פֿון זייער נאַיִוּוקײַט און קינדישקײַט, ווען אָבער מע פֿאַרופֿט זיך אַף זיי, ווי אַף פֿאַקטן, און מע ציטירט זיי אַפֿילע, איז דאָס מער ווי קאָמיש.

א ציטאַט ווערט אָפּטמאָל געבראַכט ניט ווי אַ רײַע, ניט ווי אַ צוגאָב צום געזאָגטן, נאָר ווי אַן אָרגאַנישער זאַצגליד. לעמאָשל: „...יתרומם וישתבח ויתפאר — דער נאָמען פֿונעם גרויסן... פֿאָעט, איינעם פֿון די גרעסטע גײַסטער פֿון דער מענטשהײַט..." פֿאַר אַ לייענער, וואָס פֿאַרשטייט די ערשטע דרײַ העברעיִשע ווערטער פֿון דער ציטאַט, איז דער זאַץ אַ נאָרמאַלער, אַ קלאָרער, אָבער ווי קאָנען אים אויפֿנעמען מענטשן, וואָס זײַנען ווײַט פֿון העברעיִש — און די זײַנען דאָך אַ סאַך מער פֿון יענע. אויב דער אויטאָר האָט געהאַלטן, אַז ער קאָן זיך דאָ אָן די העברעיִשע ווערטער ניט באַגיין, האָט ער זיי געדאַרפֿט געבן מיט אַ טײַטש אַף ייִדיש.

און אָט איז גאָר אַן אומגעריכטער פֿאַל פֿון ציטירן: „...אַדאַנק די רוסישע איבערזעצונגען איז... (זײַן. — ע. פּ.) דיכטונג געוואָרן נאָענט און טײַער דעם סאָוועטישן לייענער אינעםברייטן זין פֿון וואָרט. און דערפֿאַר האָט די רוסישע

סאָוועטישע דיכטונג אָנטיילגענומען אינעם הספּד פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אויפֿריכטיק זאָגנדיק דערבײַ: גם לי חלק בגנוך [?], בצרתך גם לי צר". איך בין ניט מקנא דעם לייענער פֿון דער דאָזיקער ציטאַט, אויב אַפֿילו ער קען העברעיִש. ער וועט גוט ברעכן דעם קאָפּ, ביז ער וועט זיך כאַפּן, אַז אַנשטאָט „בגנוך" האָט דאָ געדאַרפֿט זײַן „ביגונך" (אין דײַן טרויער). נאָר לאָמיר זיך פֿאַרשטעלן, אַז דער זעצער האָט קיין גרײַז ניט געמאַכט און אין דער ציטאַט איז אַלץ קעשורע. ווײַלן זי דען אַ סאַך מענטשן פֿאַרשטיין? פֿאַרוואָס זאָל מען איר אינהאַלט ניט איבערגעבן אױף מאַמע־לשון? און ווי קומט דאָס די רוסישע סאָוועטישע דיכטונג צו אָפּערירן גאָר מיט העברעיִשע זאַצן? אין רוסיש איז טאַקע פֿאַראַן אַ גאַנץ היפּשע צאָל העברעיִשע ווערטער, געקומענע פֿון גריכיש, פֿון לאַטײַן, פֿון ייִדיש; נאָך גרעסער איז אין רוסיש די צאָל ביבלישע אידיאָמען און זאַצן, ווי „נאַיעוו קאָוטשעג" (נויעכס טייווע), „קאָזיאָל אָטפּושטשעניִא" (אַ סאַיר לאַזאָזל), „ניע כלעבאָם יעדינים זשיוו טשעלאָוועק" אאַ. צווישן די רוסן זײַנען פֿאַראַן אויך מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט העברעיִש, און אייניקע פֿון זיי שטודירן דאָס לשון. אָבער אַז די רוסישע סאָוועטישע דיכטונג זאָל נעמען ריידן העברעיִש — דאָס איז שוין אַ צו גרויסע גוזמע.

קורץ, מיט ציטאַטן דאַרף מען זיך באַגיין פֿאָרזיכטיק, מיט קאָפּ, ניט ציטירן סתּם אין דער וועלט אַרײַן. און קומט מען אָן צו אַ העברעיִשן זאַץ, דאַרף מען אים אומבאַדינגט געבן מיט אַ טײַטש — אָן דראַש, אָן איבעריקער פֿרײַקײַט און אוואַדע אָן אויכטראַכטענישן.

מיר איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו ברענגען בײַשפּילן פֿון אומגעלונגענע טײַטשן. לאָמיר ברענגען נאָך אַ פּאָר.

אין איינער אַ דערציילונג ווערט וועגן וואָרט „תּיקו" געזאָגט פֿאָלגנדיקס: „טייקו — תּשבּי יתרץ קושיות ואבעיות — משיח וועט פֿאַרענטפֿערן אַלע קאַשעס (אַ טאַלמודיש ווערטל)". דאָ האָבן מיר אַ ריי בלויזן. ערשטנס, פֿעלט דאָ דער אייגנטלעכער טײַטש פֿון „תּיקו". דאָס דאָזיקע אַראַמישע וואָרט, וואָס טרעפֿט זיך אָפֿט אין גמרא, באַטײַט: „זאָל בלײַבן", „זאָל שטיין" (די קאַשע, די פֿראַגע, וועלכע די טאַלמודיסטן האָבן ניט געקאָנט לייזן). צווייטנס, דער זאַץ „תּשבּי יתרץ..." איז ניט „קיין טאַלמודיש ווערטל", נאָר אַ פֿאָלקס־דערקלערונג, אַ פֿאָלקס־עטימאָלאָגיע, וואָס נעמט דאָס וואָרט „תּיקו" אױף ווי אַ ראָשעטייווע. דריטנס, „תּשבּי" (טישבּי) איז ניט משיח, נאָר אליִהו הנבֿיא — ער הייסט אין טאַנאַך „אליהו התשבּי". פֿערטנס, קיין וואָרט „אבֿיות" איז אין העברעיִש ניטאָ. עס איז דאָ „אבעיות" אָדער „בעיות". אינעם אָנגעוויזענעם ראָשעטייווע דאַרף זײַן „בעיות" מיט אַ „ו" („ובעיות").

און אָט איז אַ ביישפּיל פון גאָר אַ ווילדער אויסטראַכטעניש: דער זאַץ „כל דצריך ייתי ויפסח" (פון דער פּייסעכדיקער האַגאָדע) ווערט אין איינער אַן אַרבעט געטייטשט אַזוי: „יעדער, וואָס איז טרויעריק, זאָל קומען און זיך מיט אונדז פרייען". און דאַרפן האָט דאָ געדאַרפט זיין פאָלגנדיקס: יעדערער, וואָס נייטיקט זיך, זאָל קומען און פּראַווען פּייסעך.

בײַ אייניקע לייענער וועט דער מאָדנער טייטש פונעם לעצטן ביישפּיל עפּשער אַרויסרופן די אַסאָציאַציע מיט שאָלעם-אַלייכעמס טעוויען, וועלכער האָט אויך ליב געהאַט צו טייטשן זייער פריי. ס'איז אָבער ניט קיין פאַרגלייך. טעוויע שפּילט מיטן וואָרט, ווי אַן עמעסער ווירטואָז, זיינע פרייע טייטשן, און אָפט זייער בייזע, העלפן אים צו אַנטפּלעקן זיין אָפּטימיסטישן הומאָר און געבן אים די מעגלעכקייטן צו לאַכן און אָפּלאַכן פון זייער אַ סאַך זאַכן (וועגן דער ספּעציפיק פון טעוויעס הומאָר האָב איך געענדערט געשריבן אינעם אַרטיקל „טעוויעס פּסוקים", וואָס איז געווען געדרוקט אין די וואַרשעווער „יידישע שריפטן", נומערן 10 — 12 פאַר 1956 און נומער 1 — 1957). אָבער אינעם טייטש פונעם לעצטן ביישפּיל קאָן מען אַנטפּלעקן נאָר איינס — אַ טאַנדעטנע אַרבעט.

די פראַגע וועגן טייטשן איז זייער אַן ערנסטע. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז צווישן דעם לאָשן פון אונדזערע קלאַסיקער און אונדזער איצטיקן יידיש איז פאָלג מיך אַ גאַנג. אויב מיר ווילן, אַז אונדזער לייענער זאָל זיך גוט פאַנאַנדערקלייבן אין די ווערק פון די עלטערע שרייבער, דאַרף מען די ווערק אַרויסגעבן מיט טייטשן און דערקלערונגען. דאָס פאָדערט וויסן און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע באַציונג. אַלס אַ גוטן ביישפּיל וואָלט מען געקאָנט ברענגען די אָנמערקונגען און דערקלערונגען, וואָס עס האָט געמאַכט אוראָם פרומקין צום באַנד פון פּערעצעס ווערק, וועלכער איז דערשינען אין מאָסקווע, 1959.

7. שפּאָרזאַמקייט און זעלבסטקאָנטראָל

אַ גוטע שפּראַך רעדט ווייניק און זאָגט אַ סאַך. דאָס וואָרט דערגרייכט מיט אַ ריכטיקן אָפּקלייב פון פּאַסיקע ווערטער און מיט אויסמיידן די, וואָס געבן דעם אינהאַלט פונעם זאַץ גאָרנישט צו. לעמאָשל: „דער פּלענום האָט אָנגענומען אַ באַשלוס מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט..." פאַרוואָס זאָל מען דאָ ניט זאָגן קירצער: „...האָט אָנגענומען פאָלגנדיקן באַשלוס"?

אָדער אַזאַ פאַל: (זי) „האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוזויגן... אַ ברעקל קינד, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זי האָט געהאַט גענוג מילך". שטעלט אַוועק אָנשטאָט די פינף אונטערגעשטראָכענע ווערטער אַ „האַגאַם" אָדער אַ „כאָטש", און איר וועט דעם זאַץ באַפרייען פון זיין געשווילעכץ...

איבעריק זײַנען געװײנטלעך אױך טאװטאָלאָגיעס — ניט נאָר בױלעטע, בעפּירעשע, װי „א פּרומער צאַדיק" אָדער „קאַפּשװינדל אין קאָפּ", נאָר אױך װײניקער דײַטלעכע, װי אינעם זאַץ „עס דאַרפן נאָך פאָרקומען צװײצדדימדיקע געשפּרעכן צװישן בײדע דײַטשישע מלוכות". װיבאַלד די געשפּרעכן װעלן זײַן צװישן בײדע מעלוכעס (צװישן צװײ צדדים), הײַנט צו װאָס דאַרף מען דאָ דאָס װאָרט „צװײצדדימדיקע"?

אָדער אפילו גאָר א פאַרשטעלטע טאװטאָלאָגיע, װי אינעם זאַץ „דעם סאָװעטישן לײענער איז גוט באַװוסט אזשײַעװס פּאָפּולערער ראָמאַן „װײַט פון מאָסקװע". דאָס װאָרט „פּאָפּולערער" איז דאָ א טאװטאָלאָגיע, װײַל ס'איז שױן געזאָגט געװאָרן, אז דער ראָמאַן איז „גוט באַװוסט". עמעס, „פּאָפּולערער" באַטײַט אױך א „צוגעװנגלעכער", און װען דאָ װאָלט געגאַנגען א רײד װעגן א װיסנשאַפטלעך װערק, װאָלט דאָס װאָרט „פּאָפּולערער" זײַן צוגעפּאַסט, אָבער אין דער ציטירטער פראַזע איז עס א פּאַראַזיט.

א פּאַראַזיטאַר װאָרט איז פאַראַן אױך אין פאָלגנדיקער פראַזע: „דער נײַער זיג פון די סאָװעטישע פידלער איז א הערלעכער באַװײַז פון די דערפאָלגן פון דער סאַמע פּאָרגעשריטענער, רעאַליסטישער, פּראָגרעסיװער סאָװעטישער קונסט". נאָך „סאַמע פּאָרגעשריטענער" איז „פּראָגרעסיװער" א לעבלעכער עפּיטעט — ער איז ניט נאָר איבעריק, נאָר אױך נאַריש.

אן איבעריק װאָרט איז אױך אינעם זאַץ „די סטירע איז טאַקע פאַראַן געװען באַם דיכטער". די פאָרמע „פאַראַן געװען" איז אין אײניקע מעקױמעס פאַרשפּרײט, אָבער אין דער ליטעראַרישער שפּראַך ניט. דעריבער איז גלײַכער אָנעם „פאַראַן".

עס איז אױך ניט קעדײַ צו קולטיװירן אינעם ליטעראַרישן ייִדיש די דיאַלעקטאַלע פאָרמע „האָט געפּלעגט"+אינפיניטיװ, װי אינעם זאַץ „ער איז געװען א גרױסער שװײַגער, האָט זעלטן געפּלעגט קומען אין זײַן באַנק", אָדער װי אינעם זאַץ „אזױ, הײסט עס, האָט זי געפּלעגט צו טײַנען און אין זיך צו טראַכטן". אין דירעקטע רײד קאָן מען אמאָל לאָזן די דאָזיקע סטרוקטור לעשעם סטיליזאַציע, אָבער אין אױטאָרשע פראַזעס דאַרף מען זי אױסמײַדן און אָנשטאָט „האָט געפּלעגט" שרײַבן בלױז „פּלעגט".

אױסמײַדן װערטער, װאָס גיבן דעם זאַץ גאָרנישט צו, איז נאָך ניט אַלץ. צוליב שפּאָרעװדיקײַט מײַדט מען אױס אױך די װערטער, אָן װעלכע מע קאָן זיך באַגײן, אױב דער קאָנטעקסט זאָגט זײ אונטער. אשטײגער, בא פּערעצן:

„קאָלזמאַן דער פאָטער, אָלעװהאַשאָלעם, האָט נאָך געלעבט און דאָס רעדל האָט זיך געדרײט, איז געװעזן א דירע, און צו עסן, און צו טרינקען, טאַקע — קעיאַד־האַמעלעך. הײַנט? אַף אַלע סאָנע־ציִען געזאָגט!

דער באָדן איז ערגעץ פאַרפאַלן געװאָרן, דאָס הײַזל — פאַרקױפט!

אינדערפֿרי — פֿיש־גרייץ — קאַרטאָפֿל מיט וואסער!
באנאכט — א ייַכל מיט א נעכטיקן בייגל!
אָט דאָס איז זייַן אוילעמהאַזע!"... („דעם רעבנס ציבעק").

פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט שטענדיק איז נייטיק אַזא קאַרגשאַפֿט, ווי דאָ. ווען מע וויל פֿאַרשטאַרקן דעם געדאַנק, שפּאָרט מען ניט קיין ווערטער. אַשטייגער: „מיט וואָס פֿאַר א רעכט האָט מען ענגלאַנד געהאַלטן פֿאַר א גרויסער מעלוכע, און אינדיע — ניט? מיט וואָס פֿאַר א רעכט?" מע שפּאָרט אויך ניט, ווען מע דאַרף ווייַזן א באַריידעוודיקן פֿאַרשוין. דערמאָנט זיך, לעמאַשל, די שאָלעם־אַלייכעמישע זאַצן פֿונעם טיפּ „איך האַנדל מיט אייער האַנדל איך". מע קאַרגט אויך ניט קיין ווערטער, ווען מע דאַרף אַלזייַטיק שילדערן אַן אָביעקט אָדער גענוי כאַראַקטעריזירן אייניקע שטריכן זייַנע, ווי אין פֿאָלגנדיקן פֿראַגמענט פֿון פּערעצעס „דאָס שטרייַמל":

„עפּשער מייַנט איר, אַז ער [„די בריִע". — ע. פּ.] איז מיט דער צייַט אַנדערש געוואָרן?

אָסער כאַזער! עס איז אין אים קיין שום ענדערונג נישט געשען! די אייגענע קלײנע, פֿאַרלאָשענע, מיט אייטער פֿאַרגאָסענע, באַטלאָנישע, שטענדיק דערשראָקענע אויגן!"

ביכלאַל אָבער דאַרף מען זיך באַמיִען צו ריידן און שרייַבן געפּרעסט, געדיכט: יעדעס וואָרט זאָל זייַן א וויכטיקער טייל פֿונעם זאַץ; און יעדער זאַץ — א נייטיקער רינג אין דער קייט פֿון פֿאַקטן, מאָטיוון און אויספֿירן.

דערפֿון איז געדרונגען, אַז אָפֿט איז איבעריק אויך אַן אומנייטיקער באַטראַליזם, א צו געגויע באַשרייַבונג פֿון גוט באַוווּסטע פּראָטים, ווי אינעם זאַץ „ער האָט מיט קויעך זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט". ווען מיר פֿאַרמעקן דאָ די לעצטע דרייַ ווערטער, פֿאַרלירן מיר דען עפּעס? מיר דוכט, אַז די ווערטער „מיט קויעך" זייַנען דאָ אויך ניט גאָר פּאַסיק. בעסער וואָלט געווען אָן זיי, אָדער אָנשטאָט זיי זאָל זייַן דאָס וואָרט „שטאַרק".

דעם לייענער דאַרף מען ניט אַלץ צעקייַען. ער האָט א קאָפּ און א דערפֿאַרונג און וועט שוין אַליין דערזאָגן, וואָס מע דאַרף. ציט אים נאָר אַרייַן אין דער געהעריקער סיטואַציע, אינעם שפּעטערישן פּראָצעס, מאַכט אינטערעסאַנט און לעבעדיק די האַנדלונגען, די געדאַנקען, די געפֿילן פֿון די פּערסאָנאַזשן, וועקט אינעם לייענער געהויבענע ראַיוינעס, מענטשלעכקייַט, יוישער, אָפּטימיזם, טוט אין אים אַרייַן ענערגיע צו ווילן באַקעמפֿן אַלדאָס שלעכטס און צו פֿאַרטיידיקן אַלדאָס גוטס, וועט מען ניט דאַרפֿן אָנקומען צו קלייניקייטן, צו געגויע באַשרייַבונגען פֿון גוט באַוווּסטע זאַכן.

דער רוסישער שרייַבער אַנטאָן טשעכאָוו, דער גרויסער מייַסטער פֿון שפּאָרעוודיקייַט, האָט אין א בריוו צו סוּוואָרינען געהאַט געשריבן: „איר ווילט,

אַז שילדערנדיק פֿערד־גאַנאָווים, זאָל איך זאָגן: גאַנווענען פֿערד איז שלעכט. אָבער דאָס איז דאָך אויך אָן מיר שוין לאַנג באַוווּסט... אַז איך שרײַב, פֿאַרלאָז איך זיך אויפֿן לייענער, האַלטנדיק, אַז די סוביעקטיווע עלעמענטן, וואָס פֿעלן אין דער דערציילונג, וועט ער אַליין צוגעבן".

פֿאַרשטייט זיך, אַז דערצו איז נייטיק, אַז די אָביעקטיווע עלעמענטן זאָלן אין דער דערציילונג זײַן גענוג קלאָר און בולעט. דעריבער טאַקע האָרעוועט אַ שרײַבער אויף אַ שטיקל אַרבעט ביז גאָר אָנגעשטרענגט און אָפֿט זייער לאַנג, מאָביליזירנדיק אַלע זײַנע שעפֿערישע קויכעס. ער פֿאַרלאָזט זיך ניט אויף זײַן וויסן, אויף זײַנע השערות און פֿאָרשטעלונגען. ער שטודירט ליטעראַטור, דאָקומענטן, פֿאַרשיידענע אָביעקטן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו זײַן טעמע. ער קוקט זיך גוט צו צו מענטשן, דרינגט אַרײַן אין זייערע טועכצן און אין זייערע נעשאָמעס. ער קלײַבט פֿאַר זײַן טעמע אָפּ וויכטיקע, אינטערעסאַנטע, טיפּישע פֿאַקטן און לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון צופֿעליקע, אומכאַראַקטעריסטישע, אומבאַדײַטנדיקע פֿאַקטעלעך. ער פֿאָרשט, אַנאַליזירט, פֿאַראַלגעמײנערט און מאַכט אויספֿירן. ער אַרבעט קימאַט אַזוי, ווי אַ וויסנשאַפֿטלער. אָבער ניט גאָר אַזוי. אַ וויסנשאַפֿטלער גייט אין טאָך פֿונעם פֿראַט צום קלאַל און דריקט זײַנע אויספֿירן אויס אין אַבסטראַקטע פֿאָרמולעס. דער שרײַבער אָבער מאַכט דורך נאָך אַ מאַרשרוט — פֿונעם קלאַל צום פֿראַט און דריקט אויס זײַנע פֿאַראַלגעמײנערנדיקע אײַנדרוקן אין קאָנקרעטע בילדער. ער לייגט אַכט אויף דער לאָגיק פֿון די האַנדלונגען, אויף דער אויסגעהאַלטנקײַט פֿון זײַנע פּערסאָנאַזשן. ער ווייסט, אַז לאָגיק פֿון זאַכן, פֿון אומשטאַנדן איז שטאַרקער, איידער די לאָגיק פֿון מענטשלעכע קאַוואָנעס. אַן עכטער שרײַבער וויל, ווי פּאַוסט, אַז פֿון זײַנע ליפּן זאָל די וואָרהײַט פֿליסן, ניט קיין צופֿעליקע ריי פֿון פּוסטע ווערטער.

און ווען אַפֿילע דער שרײַבער האָט שוין די אַרבעט געענדיקט, נעמט ער זיך ערשט פֿונדאָסנײַ פֿאַר איר. ער קאָנטראָלירט אַלע זאַצן, צי שטימען זיי אײנע מיט די אַנדערע, צי דרינגען זיי אַרויס אײנע פֿון די אַנדערע. ער לייגט אַכט אויפֿן ווערטער־באַשטאַנד, הערט זיך צו צום סיידער פֿון די ווערטער, צי לאָזן זיי זיך לײַכט לייענען, אָן שטערונגען, און צי זײַנען זיי אָנגענעם פֿאַרן אויער. אַן עכטער שרײַבער פֿאַרלאָזט זיך ניט אויפֿן קומענדיקן רעדאַקטאָר. „איך וועל בעסער זיך אַליין קאָרעגירן, איידער דער רעדאַקטאָר זאָל עס דאַרפֿן טאָן", — פֿלעגט זאָגן דאָוויד בערגעלסאָן.

און מאַרק טווען האָט אין זײַנע „אַפֿאָריזמען" געגעבן אַפֿילע אַזאַ אייצע: „אַז איר האָט מיט אַ צופֿרידן געפֿיל געענדיקט אײַער אַרבעט (אַרטיקל), דאַרף מען ערשט אָנהייבן זי שרײַבן. צום דאָזיקן מאָמענט האָט איר באַקומען אַ קלאָרע און לאָגישע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר אין איר זאָגן".

צולעצט, און אלגעמיינע באמערקונג. פון א סאך אויבנגעבראכטע בײַשפּילן איז קענטיק, אז בא אײניקע פון אונדזערע שרײַבער און זשורנאליסטן איז אויסגעוואקסן דער אינטערעס צום העברעיִשן וואָרט. דאָס איז ניט שלעכט: א יידישער פּענמענטש, און ביכלאל א יידישער קולטור־טוער, מעג קענען העברעיִש, פּונקט ווי א העברעיִשער דארף קענען יידיש. דאָס איז, דאכט זיך, אזוי קלאָר און ריכטיק, אז ס׳איז ניט קעדײַ צו מאָטיווירן. עס איז אָבער נייטיק, אז דער קער צו העברעיִש זאָל זײַן ניט קיין מאָדע, ניט קיין אָנשטעל, נאָר אן ערנסטע ווענדונג. דערבײַ אָבער ניט פארגעסן די אייגנטימלעכקײַטן, דעם כאראקטער, די נאָרמעס פון די ביידע שפּראכן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעזעצט די דורות־לאנגע געשיכטע פון אונדזער פאָלק און זײַן פילזײַטיקע שאפונג.

עס איז אויך אומבאדינגט נייטיק, אז צווישן אונדזערע רעדאקטאָרן און קאָרעקטאָרן זאָלן זײַן מענטשן, וואָס זײַנען אימשטאנד אויסצומײַדן די שפּראכלעכע פעלערן, וועגן וועלכע עס איז געגאנגען דאָ א רייד, ווי אויך אלע אנדערע.

פון די אויסלענדישע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס

AFN SHVEL
אויפֿן שוועל
געזעלשאַפֿטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטאַלניק — אָרגאַן פֿון דער ייִדיש־ליגע
נומער 272 • אָקטאָבער־דעצעמבער 1988 • ניו־יאָרק

„דאָס סאַמע גרעסטע כידעש, ווען אַ ייִד הײַנט רעדט נאָך ייִדיש"?...

די אויבנציטירטע שורעס זײַנען פֿון מייער כאַראַצ׳ס אַ מאַשלדיקער ליד (נאָכן סך־הכּל — איינס, ירושלים, ז. 90 — 91); דער פּרעגנציכן איז אונדזערער.

קימאַט צו אַלץ אין דער וועלט קאָן מען צוגיין אָדער מיט דער געוויסער מאָס פּונעם פּעסימיסט (אײַנגאַנצן אַ האַלבע גלאָז!) אָדער — פּונעם אָפּטימיסט (אַ האַלבע גלאָז, געבליבט צו גאָט!). בייס־שאַמײַ און בייס־הילעל[1]. מע קאָן אָנווײַזן — ווי סע האָבן געטאָן צוויי עדיטאָריאַלן טאַקע דאָ אויף דעם אָרט

---

[1] בייס־שאַמײַ און בייס־הילעל [בית־שמאי, בית־הילל]

Школа Шаммая и школа Гиллеля — два направления еврейской религиозной мысли в Мишне,

(„פריידיקן ייִדיש און רעדן רוסיש", אויפן שוועל, יאַנואַר—פעברואַר, 1963, און „נאָר צום באַזינגען?", אויפן שוועל, יולי—סעפּטעמבער, 1984.) — וויפל ייִדישיסטן, מיט צי אָן גענדזנפּיסלעך, סע רעדן בא זיך אינדערהיים דאָפקע ענגליש, שפּאַניש, פראַנצויזיש וועקעדוימע, וויפל ייִדישע שרייבער, לערער, קלאַל־טוער, אַקטיאָרן האָבן זייערע קינדער ניט אויסגעלערנט קיין ייִדיש — אַ כאַרפּע און אַ בושע[1], אַ בכיע־לעדוירעס[2]!..

מע קאָן אָבער אויך טײַנען פאַרקערט: ס'איז ווײַט ניט „דאָס סאַמע גרעסטע בידעש, ווען אַ ייִד הײַנט רעדט נאָך ייִדיש", ווי סע ווײַטיקט דער פּאָעט כאַראַץ אין דער פריִער ציטירטער ליד. נישקאָשע, מע רעדט זייער געשמאַק מאַמע־לאָשן אין באָראָ־פּאַרק און אין וויליאַמסבורג, אין קראַון־הײַטס און אין נײַ־סקווער, אין בני־בראַק און אין מאה־שערים, אין קיריאַט־יויעל (מאַנסי) און אין אַנטווערפּן[3] און — ניט גענוג, אָבער פאַרט — אויך אין מאָנטרעאַל און טאָראָנטע און וויניפּעג, אין צאָפן־בראָנקס און אין קווינס און אין קאַנאַרסי, אין מיאַמי־ביטש און אין בוענאָס־אײַרעס און אין טעל־אוויוו, יערושאָלאַים, כײַפע און כעלאָן, אין לאָס־אַנדזשעלעס און אין מעלבורן און קייפּטאַון (זאָל זײַן מינסטנס עלטערע מענטשן, וואָסי? עלטערע מענטשן זײַנען, כאָלילע, קיין מענטשן ניט?). וועגאַם, טויזנטער מוישעלעך און שלוימעלעך, סאָרעלעך און ריווקעלעך לערנען זיך אויף ייִדיש טוירע און מידעס. הײַנט, אין 1988.

און אין קולטור־קאָנגרעס רעדט מען ייִדיש, און אין בונד, און אין דער ייִדיש־ליגע, און אין יוגנטרוף, און אינעם אַרגענטינער ייִוואָ[4], און אין די רע־

постоянно дискутирующие друг с другом

1 א כארפּע און א בושע [חרפה און א בושה] — стыд и срам

2 בכיע־לעדוירעס [בכיה־לדורות] — вечная мука

3 — перечислены города и районы в США, Израиле и Бельгии, где в настоящее время существуют религиозные еврейские общины, говорящие на идиш.

4 — еврейские научные, профсоюзные и политические организации в США и Аргентине.

דאַקציעס פֿון די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן, און אין טייל קורסן פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור (אַלקאָלפּאָנעם[1] אין טייל אוניווערסיטעטן אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, אין פֿראַנקרײַך, אין ענגלאַנד און, לאָמיר האָפֿן, נאָך מעקוימעס). און כאָטש מיר זײַנען נאָך ניט געווען צוגאַסט אין דער טעל־אַוויווער ביוראָ פֿון וועלטראַט[2], האָפֿן מיר, אַז אויך דאָרטן געוועלטיקט ייִדיש.

דער שרײַבער פֿון די שורעס האָט אַ ביסל קאָנטשאַפּט צווישן ייִנגערן דאָר, קאָן ער אייִדעס זאָגן, בלויז פֿון זײַן סוויווע, וועגן עטלעכע צענדליק יונגע פֿאַרפּעלקער אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע און פֿראַנקרײַך, וואָס רעדן מיט די קינדער פּרינציפּיעל ייִדיש. אַמאָל איז דאָס ייִדיש בײַ הי־געבוירענע טאַטע־מאַמע אַליין ניט קיין לאָשן פֿון די קינדער־יאָרן, ניט קיין געיאַרשנטס[3], נאָר אַן אויסגעלערנטס, בעמיילע ווײַט פֿון שלימעס[4], אָבער פֿאָרט — מע קאַנאַקט ייִדיש, און סע גייט אַ רויך.

די אַמעריקאַנער צענזוס־ביוראָ האָט טאַקע מיט עטלעכע יאָר צוריק פֿאַררויספּראָיעקטירט, אַפֿן סמאַך פֿון דעמאָגראַפֿישע טענדענצן, וואָס מיטן בלויזן אויג קאָן מען זיי עפּשער ניט כאַפּן, אַז אין יאָר 2000 וועלן אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן זײַן 20.000 (צוואַנציק טויזנט) ייִדישע קינדער, וואָס זייער איינציק אָדער הויפּט־לאָשן וועט זײַן ייִדיש.

אַוואַדע רעדט מען ניט געוווּנג מאַמע־לאָשן. פֿאַראַן צענדליקער טויזנטער ייִדן פֿונעם עלטערן דאָר, וואָס אין זייער עמיגראַנטישער געפּאַלנקײַט ברעכן זיי זיך ליבערשט די צונג מיטן לאָשן־האַמעדינע[5]; זיי זײַנען פֿאַשעט ניט בעקויעך זיך צו באַפֿרײַען פֿון זייער מינערקײַט־קאָמפּלעקס. פֿאַראַן אַפֿילע ייִדיש־לערער און ייִדיש־שרײַבער (!), וואָס רעדן ניט צווישן זיך אויף ייִדיש. פֿאַראַן פֿאַרשער, וואָס קענען קענען זיי, נאָר ווילן ווילן זיי ניט; אָן זיך אָנצוטאָן אַ קויעך — שפּילנדיק — זײַנען זיי בעיעכוילעס[6] צו האַלטן אַ רעפֿעראַט אויף ייִדיש, אָבער אויף אַ ייִוואָ־קאָנפֿערענץ קומען זיי זיך אויסשטעלן מיט זייער ענגלישער סכוירע,

---

1 אַלקאָלפּאָנעם [על־כל־פּנים]	во всяком случае
2 וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדי־שער קולטור	Всемирный Совет за язык идиш и еврейскую культуру
3 געיאַרשנט [ירש]	унаследован
4 שלימעס [שלימות]	полнота, совершенство
5 לאָשן־האַמעדינע	язык государства
6 בעיעכוילעס	в состоянии

קימאט אקשאָנעסדיק אפּצולאָכעס[1], זאָל מען זען, אז מע האָט זיך, באָרעכהאשעם[2], עמאַנסיפּירט פונעם יידישיזם, ווי א יונגער פאָרשער האָט זיך אנומלט צעטאַרעראַמעוועט[3] אין אן ענגלישן זשורנאַל.

און דאָך, אף־אל־פּי־קען[4], איז, צום גליק, מער ניט א פּאָעטישע מעליצע[5], א גוט־געמיינטע היפּערבאָל, אז דאָס סאַמע גרעסטע כידעש, ווען א ייד הייַנט רעדט אף יידיש. מיר מעגן פארזיכערן אי כאַווער כאַראַצן, אי זיך אליין, אז נישקאָשע: מאַמע־לאָשן וועט איבערלעבן אונדזערע באַגראַבער — מיט צי אָן דאָקטאָר־טיטלען, די אינטעליגענטן, האַלב־אינטעליגענטן, פערטל־אינטעליגענטן און פּאַלנע אמעראַצים[6] (לויט ד״ר שיקל פישמאַנס שיינער פאָרמולירונג). ניין, יידיש וועט איבערלעבן ניט נאָר די באַגראַבער, נאָר זייערע קינדער און קינדס־קינדער. ביז אין איין־און־צוואַנציקסטן און צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אריַין.

6000 נײַע ווערטער אין ענגליש

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע איז ארויס א ווערטערביכל פון די נײַסטע 6000 ווערטער אין ענגליש. לויט אַט דער רעשימע האָט ענגליש געשעפּט נײַע ווערטער פון 40 מעקוירים. די 10 לעשוינעס, פון וועלכע עס שטאַמט דאָסראָוו אנטלײַונגען, זײַנען: פראַנצויזיש — 34 ווערטער, לאַטײַן — 29, איטאַליעניש — 22, שפּאַניש — 20, יידיש — 18, יאַפּאַניש — 17, גריכיש — 15, דײַטשיש — 11, כינעזיש — 7, רוסיש — 6. יידיש האָט אויך געגעבן צושטײַער (בעשוטפעס מיט רוסיש) דעם איינציקן נײַעם פּראָדוקטיוון סופיקס אין ענגליש: -nik — peace-nik, Vietnik, beatnik, refusenik).

(זשורנאַל „אויפן שוועל“, אָקטיאַבער—דעקאַבער 1988, ניו־יאָרק)

---

1 אפּצולאָכעס [צלהכעית]	назло
2 באָרעכהאַשעם [ברוך השם]	слава Богу
3 צעטאַרעראַמעוועןן (от русского *тарарам*)	разбушеваться
4 אף־אל־פּי־קען [אף־על־פּי־כן]	несмотря на это
5 מעליצע [מליצה]	красноречие
6 אמעראַצים, אמאָרעץ [עם הארץ]	невежда, профан

א גאַסט פון אויסלאַנד

בירָאָבידזשאַן האָט באַזוכט דער אַמעריקאַנער פּראָ־פעסאָר־לינגוויסט, פּעדאַגאָג, פונעם קאָלעדזש אַדזיפו אין יאַפּאַניע, דאָקטאָר בערנאַרד טשאַסעד. מיר פאַרעפנט־לעכן דעם שמועס, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישן דעם גאַסט פון די פּשאַ און די זשורנאַליסטן פון דער צייטונג „בירָאָבידזשאַנער שטערן".

בערנאַרד טשאַסעד. ס'איז שוין אַדורך אַריבער פינף און צוואַנציק יאָר, זינט איך האָב צום ערשטן מאָל דערלאַנגט א מעלדונג, מע זאָל מיר דערלויבן באַזוכן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. געווען איז דאָס אין 1962, בייס איך האָב געלייענט לעקציעס וועגן דער ענגלישער שפּראַך אין די קיִעווער הויכ־שולן און אינעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. עס האָט זיך ניט באַקומען.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן וועגן זיך? געבוירן בין איך אין פילאַדעל־פיע. די עלטערן זיינען פון אוקראַינע. פון קליינוויַיז אָן קען איך גוט יידיש, רוסיש, ענגליש. שפּעטער האָב איך באַהערשט אויך דייטש, פראַנצויזיש, יאַפּאַניש.

אייער לאַנד דערלערן איך שוין פון לאַנג. צוואַנציק יאָר זיינען אַדורך, זינט איך האָב אָנגעשריבן מיין דיסערטאַציע וועגן די יידישע טעאַטערס אין סאָוועטנפאַרבאַנד. כּוץ דעם, האָב איך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן סאָוועטישע שרייַבער.

ר. שוויכעט. וועגן וועלכע טעאַטערס דירעקט איז אייער דיסערטאַציע?

ב. טשאַסעד. וועגן מיכאָעלסעס אין מאָסקווע, וועגן אייער בירָאָבידזשאַנער טעאַטער, דעם קיִעווער, מינסקער, ווי אויך וועגן אַנדערע, דערונטער — זעלבסטעטיקע. איר דאַרפט וועגן זיי וויסן בעסער פון מיר, דאָס איז אייער לעבן. איך האָב בלויז געפאָרשט, געשריבן.

א. קופּערמאַן. איר אונטעריכט שפּראַכן. פאַרפינקטלעכט, ביטע, וועלכע און ווו?

ב. טשאַסעד. שוין זעקס און דרייסיק יאָר, ווי איך בין א לערער פון ענגליש פאַר אויסלענדער, און פון דער רוסישער שפּראַך פאַר אַמעריקאַנער. איצט אַרבעט איך אין יאַפּאַניע.

ש. קאַניק. און יידיש?

ב. טשאַסעד. מיר רעדן דאָך מיט אייך אויף יידיש. איך פאַרשטיי אייך.

כ׳קען ביידע יידישע שפראכן. מיט יידיש איז פונדעסטוועגן שוואך. מיין מוטער־שפראך איז שוין ענגליש. אין ביראָבידזשאַן רעד איך מער יידיש. ביכלאל האָט מען מיך דאָ אָנגעשטאָפּט מיט מאנדלען, געפילטע פיש, מיט קייזעלעך, עסיק־פלייש, שטרודלען. אין אייער רעסטאָראַן טאנצט מען יידישע טענץ: א „פריילעכס", עפּעס א מאָדנעם „זיבן און פערציק", עכטע כאסידישע טענץ. עס טאנצן יידן, רוסן. איך האָב געזען, ווי אין א קינדער־גאָרטן טאנצט „יידיש" זייער שיין א קליין מיידעלע, א טאָטערקע. איך בין געווען אף א רעפּעטיציע אין אייער פאָלקס־טעאטער, אף א לימעד באם לערער פרישקאָלניק אין וואלדהיים, בא איסאק אבראמאָוויטשן קענען די קינדער גאנץ נישקאָשעדיק יידיש. איך בין זייער צופרידן.

א. קופּערמאַן. פונוואנען זייט איר איצט אהער געקומען?

ב. טשאָסעד. פון יאפּאָניע. אמאָל, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך געוואָלט אראָפּכאפּן זיך צו אייך פון קיעוו. שטעלט זיך פאָר, אז דאָרט, אין קיעוו, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אף א יידישקע־ביוראָקראט. ווען איך האָב זי געבעטן ארויסגעבן מיר א פּאפּיר פון „אָוויר", קעדיי איך זאָל קאָנען א קוק טאָן אף די ביראָבידזשאנער יידן, האָט זי מיר געענטפערט, אז אין קיעוו זיינען אויך פאראַן גענוג יידן. נאָך אין 1974 יאָר, פאָרנדיק פון מאָסקווע קיין יאפּאָניע, בין איך פארבייגעפאָרן ביראָבידזשאַן. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט בא אייך אף א פּאָר מינוט, בין איך ארויס פון וואגאָן אין דער קעלט, נאָר דערפאר דערזען אף דער געביידע פונעם וואָקזאל גרויסע יידישע אויסיעס — ביראָבידזשאַן. איצט האָט מיך איינגעלאדן אף צוויי וואָכן א. סורגין, דער רעקטאָר פון אייער פּעדינסטיטוט. אגעוו, וויפל זיינען דאָ בא אייך יידן?

ב. קושניר. בא עלף טויזנט. ס׳געפעלט אייך בא אונדז?

ב. טשאָסעד. אוואדע! א פיינע שטאָט. כ׳האָב געהערט, אז ביכלאל איז זי איינע פון די שענסטע שטעט אפן ווייטן מיזרעך.

א. סטיסיס. אין יאפּאָניע רעדט עמעצער יידיש?

ב. טשאָסעד. מיסטאמע. איך ווייס דאָרט צוויי אבאָנירער פון „סאָוועטיש היימלאנד".

א. קופּערמאַן. און פון „ביראָבידזשאנער שטערן"?

ב. טשאָסעד. וועגן אזעלכע האָב איך ניט געהערט. איך האָב געפּרוווט דאָרט אבאָנירן אייער צייטונג, נאָר עס האָט זיך דערווייל ניט באקומען. קורץ גערעדט, איך בין זייער צופרידן. אפילע מיט אייער שטאָטישן אווטאָבוס, אף וועלכן עס איז אָנגעשריבן אף יידיש „אוואנגארד". מיינע פריינט אין אמעריקע וואַרטן אף מיר, ווארטן, וואָס וועל איך זיי זאָגן — צי ס׳איז פאראַן ביראָבידזשאַן, צי ניט. איך וועל זיי זאָגן — אוואדע איז ער דאָ!

●

Не в бровь,
а в глаз

געטראָפן אין סאמע פינטל

ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן

(לויט איגנעץ בערנשטיינס בוך מיטן זעלבן נאָמען)

אָפּבריִען (זיך) — Ошпарить (ся)

אז מע בריט זיך אָפּ מיט הייסן, בלאָזט מען אפן קאלטן.

(Ср.: Обжегшись на молоке, будешь дуть и на воду)

אָפּהיטן — хранить, беречь

ער היט עס אָפּ, ווי אַן אויג אין קאָפּ. (אָדער: א. ווי דאָס אויג אין קאָפּ; ב. ווי דאָס שווארצאפּל פונעם אויג)

(Ср.: Беречь как зеницу ока)

ער היט עס אָפּ, ווי די הייב־אם דאָס קינד.

הייב־אם — повивальная бабка

אָפּוואשן — отмыть

אָפּוואשן קאָן מען נאָר דעם גוף, אָבער ניט די נעשאָמע.

душа — נעשאָמע; тело — גוף

אָפּטאָן — сделать, сотворить

אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן.

(Ср.: что сделано, то сделано)

אז מע וויל אָפּטאָן דעם באלעגאָלע א שפּיצל, גייט מען באם וואָגן צופוס.

(Ср.: Идти пешком назло кондуктору)

אָפּלייגן — отложить

לייג ניט אָפּ אף מאָרגן, וואָס דו קאָנסט הײַנט באזאָרגן.

(Ср.: Не откладывай на завтра, что можешь сделать сегодня)

אויסשמײַסן — выпороть, высечь

אויסגעשמיסן, און נאָך די רוט געקושט.

רוט — (т. е. понес двойное наказание) розга

אָפּשפּאָרן — сэкономить

וואָס מע שפּאָרט אָפּ, איז דערנאָך ווי געפֿונען.

אוועקגיין — уходить

דאָס, וואָס איז אוועקגעגאַנגען, קומט שוין ניט צוריק.

ער איז אוועקגעגאַנגען, ווי די מויד פֿונעם טאַנץ.

(т. е. бросил с пренебрежением какое-то дело, не доведя его до конца)

(אוועק)לאָזן זיך — пуститься, отправиться

ער האָט זיך אוועקגעלאָזט הינטער האָריי־כּוישעך.

האָריי־כּוישעך — Черные горы; *зд.* неизведанные дали

אוועקלייגן — положить

ער האָט אוועקגעלייגט שער און אײַזן.

(т.е. прекратил какую-либо деятельность; по аналогии с портным, забросившим ножницы и утюг)

אויג — глаз

אויס די אויגן — אויס דעם האַרצן.

(Ср.: С глаз долой — из сердца вон)

אז מע קוקט ניט צו מיט די אויגן, דערלייגט מען מיט דער קעשענע.

צוקוקן — присматривать

דערלייגן — докладывать (деньги и т. п.)

אין די אויגן הייסט גערעדט, הינטער די אויגן הייסט געבילט.

בילן — лаять

אין די אויגן קאָן מען אַרײַנקוקן, אָבער ניט אין האַרץ.

איין אויג האָט מער גלויבן, ווי צוויי אויערן.

(Ср.: Лучше раз увидеть, чем сто раз услышать)

איין אויג מוז אויך שלאָפֿן.

דאָס אויג דערציילט, וואָס דאָס האַרץ מיינט.

(Ср.: Глаза — зеркало души)

די אויגן זאָלן ניט זען, וואָלטן די הענט ניט גענומען (אָדער: ניט גע־גאַנוועט).

די אויגן זײַנען גרעסער, ווי דאָס מויל (אָדער: ווי דער מאָגן).

די אויגן זײַנען ווײַטער, ווי דער האַלדז.

מיט וואָס פאַר אַן אויג מע קוקט אײַנעם אָן, אַזאַ פּאָנעם האָט ער.

אָנקוקן — смотреть (с целью выбора и т. п.)

פיר אויגן זעען מער, ווי צוויי.

אויוון — печь

ווער עס ליגט אויפן אויוון, קריגט ניט קיין בייגל.

קריגן — получать **בייגל** — бублик

אויסבײַטן — выменять

אויסגעביטן א שויכעט אויף א שינדער.

(Ср.: Выменять шило на мыло)

שויכעט — резник **שינדער** — живодёр

אויסגיין — иссякать; умирать

ער גייט אויס, ווי א ליכט

אויסוויינען (זיך) — ваплакаться

אז מע וויינט זיך אויס, ווערט גרינגער אויפן הארצן.

●

«ИДИШ НА ЭКРАНЕ ДИСПЛЕЯ»

Язык и научно-технический прогресс... Возможно, эта непростая культурологическая проблема не была бы так актуальна, если бы всем уже не было ясно, что язык, буквы которого не попадут на клавиатуру компьютерного терминала, не будет достойно предоставлен в двадцать первом веке. Ввести еврейский язык в компьютер — долг и обязанность молодых. Эту задачу я выбрал в качестве курсовой работы по информатике и программированию за второе полугодие в 10 классе украинской школы № 16 г. Киева, которую заканчиваю в этом году.

Первая практическая реализация программы была выполнена на языке программирования «БЕЙСИК» для персонального компьютера «Агат». Я надеюсь, что у киевского Общества еврейской культуры, членом которого я состою, скоро появится персональный компьютер с принтером. Тогда я и мои друзья закончим учебную программу «Алеф-бейс» для детей, сделаем компьютерный еврейско-русский словарь, справочно-информационную систему на еврейском языке.

Хотелось бы получить советы и помощь профессиональных программистов для реализации еврейской клавиатуры на компьютере БК 0010.01. Эта модель есть уже в домах тысяч людей. С радостью поделюсь своими находками со всеми заинтересовавшимися людьми.

Мой адрес: 252050, Киев-50, ул. Артёма, 77, кв. 6, Куперберг Леониду.

פאַרשטעקן אין גאַרטל

(*Букв.* Заткнуть за пояс)

ער האָט דאָס אויסגעזויגן פונעם פינגער



(*Букв.* Высосал из пальца

ЕВРЕЙСКИЕ ИДИОМЫ В КАРТИНКАХ

ער איז געהאנגען אױף א האָר

(*Букв.* Он висел на волоске)

ער האקט א טשײַניק

(*Букв.* Он рубит чайник (т. е. Он говорит околесицу)

פאראלעלע טעקסטן: ייִדיש—רוסיש

I

צוליב וועמען שײַנט די זון

אלעקסאנדער מוקדן איז געקומען צום קיניג פון קאציאַ (?). האָט אים דער קיניג געוויזן א סאך זילבער און גאָלד.

זאָגט אים אלעקסאנדער:

— ניט אײַער זילבער און גאָלד בין איך אויסן צו זען, נאָר אײַערע מינהאָגים און דינים.

דערווײַל זײַנען צוויי מענטשן געקומען זיך מישפּטן פארן קיניג. איינער זאָגט:

— מײַן קיניג! איך האָב בײַם דאָזיקן מאן געקויפט א כורווע. איך האָב זי אראָפּגעטראָגן און האָב אף איר אָרט געפונען אן אוצר.

זאָג איך צו אים:

— נעם צו דײַן אוצר. איך האָב בײַ דיר געקויפט בלויז די כורווע — קיין אוצר האָב איך בײַ דיר ניט געקויפט.

זאָגט דער צווייטער:

— דו האָסט מוירע פאר פרעמדס, און איך אויך. איך האָב דיר פארקויפט די כורווע און אלץ, וואָס אין איר.

האָט דער קיניג געפרעגט בײַ איינעם פון זיי, צי האָט ער א זון, און בײַם צווייטן, צי האָט ער א טאָכטער. האָבן זיי אים געזאָגט, אז יאָ.

— אויב אזוי, — האָט דער קיניג געפּאסקנט, — זאָלן זיי צווישן זיך א שידעך טאָן און דער אוצר זאָל זיי געהערן.

האָט זיך אלעקסאנדער שטארק פארכידעשט.

ПАРАЛЛЕЛЬНЫЕ ТЕКСТЫ: ИДИШ — РУССКИЙ

I

Ради кого светит солнце

Александр Македонский пришел к королю страны Кацио(?). Король показал ему много серебра и золота.

Сказал ему Александр:

— Не Ваше серебро и золото я хочу видеть, а ваши обычаи и законы.

В это время два человека пришли на суд к королю. Один говорит:

— Мой король! Я у этого человека купил развалившееся здание. Я его снёс и на его месте нашел клад. Я говорю бывшему хозяину:

— Забери свой клад. Я у тебя купил одни развалины — сокровищ я у тебя не покупал.

Второй говорит:

— Ты боишься чужого добра, я тоже. Я тебе продал развалины и всё, что в них.

Тогда король спросил у одного из них, есть ли у него сын, а у другого, есть ли у него дочь. Они сказали, что есть. Раз так, — рассудил король, — пусть они посватаются и клад будет им принадлежать.

Александр очень удивился.

פרעגט אים דער קיניג:

— איך האָב דען ניט ריכטיק געהאַנדלט? ווי וואָלסטו געטאָן, ווען אַזאַ מין לאַדעניש קומט פאַר בא דיר אין לאַנד?

— איך וואָלט געקעפּט דעם און יענעם, און דער אויצער וואָלט אריינגע־פאַלן צו מיר.

— און די זון שיינט בא אייך? — האָט געפרעגט דער קיניג.

— יאָ!

— און רעגנס גייען בא אייך?

— גייען!

— זיינען בא אייך עפּשער פאַראַן ציגן און שעפּסן?

— פאַראַן!

— אַז אַך און ווי איז צו אייך! — האָט פאַרענדיקט דער קיניג. — צו־ליב די ציגן און שעפּסן שיינט בא אייך די זון און גייען בא אייך רעגנס.

II

א צונג

רעב שימען בען גאַמליעל האָט געזאָגט זיין קנעכט:

— גיי ברענג מיר פון מארק א גוט מייכל.

איז דער קנעכט אַוועק און געבראַכט א צונג.

האָט אים רעב שימען ווידער געהייסן:

— גיי ברענג מיר פון מארק א שלעכט מייכל.

האָט דער קנעכט ווידער געבראַכט א צונג.

— וואָס הייסט, — האָט זיך רעב שימען געכידעשט, — א גוט מייכל איז צונג, און א שלעכטס איז אויך צונג?

— יאָ, — האָט דער קנעכט געענטפערט, — פון איר איז אַלדאָס גוטס און אַלדאָס בייז. איז זי גוט, איז ניטאָ קיין בעסערס פון איר; איז זי שלעכט, איז ניטאָ קיין ערגערס פון איר[1].

---

[1] פון דער אַלט־העברעיִשער ליטעראַטור.

Спрашивает его король:

— Я бы обезглавил одного и другого, а клад поступил, если бы такое дело разбиралось в твоей стране?

Я бы обезглавил одного и другого, а клад поступил бы ко мне.

— А солнце у вас светит? — спросил король.

— Да!

— И дожди у вас идут?

— Идут!

— У вас, может, есть козы и овцы?

— Есть!

— Ох, вы жалкие (несчастные)! — закончил король. — Ради коз и овец светит у вас солнце и идут дожди.

II

Язык

Рабби Симон сын Гамлиила сказал своему рабу:

— Иди принеси мне с рынка хорошую еду.

Раб пошел и принес язык. Тогда рабби Симон снова велел:

— Иди принеси мне с рынка плохую еду.

Раб опять принес язык.

— Как же так, — удивился рабби Симон, — хорошая еда — язык, а плохая — тоже язык?

— Да, — ответил раб, — от него всё хорошее и всё плохое. Если он хорош, то нет ничего лучше его; если же он плох, то нет ничего хуже его.

III

מעשאָלים

1

בא איינעם איז געווען א שיינער סאָד מיט צײַטיקע פּיירעס. האָט ער אים איבערגעגעבן צוויי שאָמרים — א הינקעדיקן און א בלינדן.

זאָגט דער הינקעדיקער צום בלינדן:

— איך זע שיינע פּיירעס. זעץ מיך ארויף אף זיך, וועלן מיר זיך דערקלײַבן צו זיי און וועלן עסן.

האָבן זיי אזוי געטאָן.

אין א שטיקל צײַט ארום איז געקומען דער באַלעבאָס. פרעגט ער:

— וווּ זײַנען די צײַטיקע פּיירעס?

— איך זע דען עפּעס? — האָט געזאָגט דער בלינדער.

און דער הינקעדיקער האָט געענטפערט:

— מײַנע פיס גייען דען?

האָט דער באַלעבאָס דעם הינקעדיקן ארופגעזעצט אפן בלינדן און האָט זיי אינאיינעם באשטראָפט.

7—1599

III

Басни

1

У хозяина был красивый сад со спелыми плодами. Поручил он его двум сторожам — хромому и слепому.

Сказал хромой слепому:

— Я вижу красивые плоды. Посади меня на себя, и мы доберемся до них и покушаем.

Так и сделали.

Через некоторое время явился хозяин. Он спрашивает:

— Куда делись спелые плоды?

— Разве я что-нибудь вижу? — сказал слепой.

А хромой ответил:

— Разве мои ноги ходят?

Тогда хозяин посадил хромого слепому на плечи и наказал их вместе.

2

א פוקס האָט אָנגעטראָפֿן אַף א ווייַנגאָרטן, וואָס איז פֿון אַלע זייַטן געצוויימט פאַרצוימט. אין איין אָרט האָט ער באַמערקט א שפּאַלט און האָט געפּרוּווט דורכקריכן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט. האָט ער דרייַ טעג געפאַסט, איז דאַר געוואָרן, און איז דורכגעקראָכן.

אין ווייַנגאָרטן האָט ער זיך אָנגעגעסן, איז דיק געוואָרן און האָט ניט געקאָנט ארויס. האָט ער ווידער דרייַ טעג געפאַסט, איז מאָגער געוואָרן און איז ארויס. ער האָט זיך אויסגעקערט מיטן פּאָנעם צום ווייַנגאָרטן און האָט געזאָגט:

— ווייַנגאָרטן, ווייַנגאָרטן! ווי גוט דו ביסט, ווי גוט זייַנען דייַנע פּייִרעס! אָבער וואָס פֿאַר א נוצן האָט מען פֿון דיר! אין וואָס פֿאַר א צושטאַנד מע קומט צו דיר ארייַן, אין אַזא גייט מען ארויס!..

3

א פוקס איז אומגעגאַנגען אַפֿן ברעג פֿון א טייַך און האָט באַמערקט, אַז די פיש וואַרפֿן זיך הין און הער — האָט ער געפרעגט:

— פֿון וואָס אַנטלויפֿט איר?

— פֿון די נעצן, — האָבן זיי געענטפערט.

— קומט ארויף אַף דער יאַבאָשע, — האָט געזאָגט דער פוקס, — מיר וועלן לעבן אַזוי, ווי עס האָבן געלעבט מייַנע און אייַערע עלטערן.

האָבן די פיש געענטפערט:

— דאָס ביסטו דער, וועלכן מע האַלט פֿאַר דער קליגסטער חייַע? א טיפּעש ביסטו! אין אונדזערע לעבנס־ערטער ציטערן מיר, און דאָך אין די אומקום־ערטער — אַוואַדע און אַוואַדע!

2

Лиса наскочила на виноградник, окруженный со всех сторон забором. В одном месте она обнаружила щель, пыталась пролезть, но не смогла. Постилась она три дня, похудела и пролезла.

В винограднике она наелась, потолстела и не смогла выйти. Она снова три дня постилась, стала худой и вышла. Она повернулась лицом к винограднику и сказала:

— Виноградник, виноградник! Как ты хорош, как хороши твои плоды! Но какая от тебя польза! Какими входят в тебя, такими и выходят!

3

Лиса ходила по берегу реки и заметила, что рыбы бросаются то сюда, то туда. Она спросила:

— Отчего вы спасаетесь?

— От сетей, — ответили они.

— Выберитесь на сушу, — сказала лиса, — и мы будем жить так, как жили мои и ваши предки.

Рыбы ответили:

— Это тебя считают самым умным животным? Дура же ты! Там, где живем, мы дрожим — тем более в местах нашей гибели.

אַן אַלטערטימלעכער מאָשל

באַ אַ לייב איז אין האַלדז געבליבן שטעקן אַ ביין. האָט ער געמאָלדן:

— ווער עס וועט אַרויסשלעפּן דעם ביין, וועט באַקומען סכאַר (געצאָלטס).

האָט זיך געיאַווועט אַ פֿויגל מיט אַ לאַנגן שנאָבל, האָט אים אַריינגערוקט דעם לייב אין האַלדז און אַרויסגעשלעפּט דעם ביין.

— גיב דעם סכאַר! — האָט געבעטן דער פֿויגל.

— גיי און באַרים זיך, — האָט געזאָגט דער לייב, — אַז ביסט געווען באַ אַ לייב אין מויל און ביסט פֿון דאָרטן בעשאָלעם אַרויס. דאָס איז פֿאַר דיר די גרעסטע באַלוינונג.

<u>לאָמיר פֿאַרגעדענקען</u>

О местоимении „אַנדער"

אַן אַנדער מענטש, אַן אַנדער שטאָט, אַן אַנדער לאַנד, קיין אַנדער לערער, דער אַנדערער מענטש, דעם אַנדערן מענטש, די אַנדערע שטאָט, דאָס אַנדערע לאַנד.

Если местоимению אַנדער — другой — предшествует неопределённый артикль, то оно не изменяется во всех родах и падежах единственного числа. Если же перед ним стоит определённый артикль, то оно и склоняется как обычное прилагательное в соответствии с родом и падежом существительного, к которому оно относится.

Во множественном числе всегда будет אַנדערע.

(Uriel Weinreich. College Yiddish)

Старинная басня

У льва застряла кость в глотке. Он объявил:

— Кто вытащит кость, получит вознаграждение.

Явилась птица с длинным клювом, всунула его в пасть льва и вытащила кость.

— Дай обещанное — попросила птица.

— Иди и хвастайся, — сказал лев, — что ты была в пасти льва и благополучно выбралась оттуда. Это самое большое вознаграждение для тебя.

УВАЖАЕМЫЕ ТОВАРИЩИ!

Язык идиш — родной язык большинства евреев нашей страны. На нем писали прогрессивные писатели, сейчас в СССР издаются журнал и газета, выпускается художественная литература.

Одесское общество еврейской культуры им. Нотэ Лурье объявляет набор на курсы еврейского языка (идиш). Запись будет проводиться с 20 апреля с 18.15 до 21.15 в рабочие дни, по субботам — с 16.00 до 19.00 в помещении государственных курсов иностранных языков (ул. Чкалова, 26, средняя школа № 90, 4-й этаж). Справки по телефону 24-28-67 (звонить с 19.00 до 22.00).

Если вы хотите, чтобы ваш ребенок изучал еврейский язык (идиш), предлагаем подать заявление, в котором необходимо указать фамилию, имя и отчество ребенка, школу и класс, домашний адрес и форму изучения языка, которой вы отдаете предпочтение (на курсах иностранных языков вместе с родителями; в кружке школы или внешкольного учреждения; в спецклассе, где предполагается изучение еврейского языка, литературы, истории).

Заявления принимаются по понедельникам с 10.00 до 13.00 по адресу: ул. Р. Люксембург, 1, гороно (либо направляются по почте).

Общество еврейской культуры им. Нотэ Лурье.

א צײַטונג־מעלדונג פֿון דער אָדעסער ייִדישער
קולטור־געזעלשאַפֿט אױף נאָטע לוריעס נאָמען

בריוו פון אונדזערע לייענער

עטלעכע ווערטער וועגן דער איצטיקער קולטור־אנטוויקלונג אף יידיש

לאָמיר זיך דורכשמועסן וועגן די גרענעצן פון דעם, וואָס עס איז מעג־לעך, פּינקטלעכער געזאָגט — וועגן אַלצמעגלעכקייט. מיר לעבן שוין פיר יאָר אין דער אַטמאָספער, ווען אַלץ, צי קימאַט אַלץ איז דערלויבט.

וואָס איז דאָ פאַראַן לאַנג צו רעדן? גלאַסנאָסט — דאָס איז פּראַקטיק.

אין משך פון יאָרצענדליקער איז אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ יידישן טעם, געווען, ווי מע דריקט זיך אויס, פאַרבאָטן. און אָט איצט קאָנען מיר רעדן ברייט און אָפן וועגן דעם נאַציאָנאַלן געפיל, קיין מורא ניט האָבן צו קנעלן יידיש, ס׳וועט קיינעם ניט איינפאַלן אַ לעפישער געדאַנק צו בייטן זיין יידישע פאַמיליע. מיר קאָנען שמועסן, און טאַקע אף יידיש (ווער עס קען דאָס מאַמע־לשון), וועגן די סאַמע פאַרבאַרגענע פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע און נאַציאָנאַלער היינטצייטיקייט.

אָבער לאָמיר אַ טראַכט טאָן, וויאַזוי באַגייען מיר זיך מיט די דאָזיקע רעכט. לאָמיר זיך זעצן צום טיש און רויק, אָן היץ, באַהאַנדלען דעם דאָזיקן איניען.

אין די לעצטע יאָרן, וועגן וועלכע עס גייט אַ רייד, זיינען בא אונדז אין לאַנד געשאַפן געוואָרן עטלעכע זעלבסטעטיקע און פּראָפעסיאָנעלע קאָלעקטיוון פון יידישער עסטראַדע. אין זיי זיינען פאַרגעשטעלט פאַרשיידענע ריכטונגען — דראַמאַטישער טעאַטער, מוזיקאַלישע און וואָקאַלע עסטראַדע, שאָו, אווטאָרישע ליד. אף די ספּעקטאַקלען און קאָנצערטן פון די יידישע שעפערישע קאָלעק־טיוון קומט שטענדיק צו גיין, קיין איינהאָרע, אַ גרויסער, איבערגעפולטער מיט דאַנקבאַרקייט עולם. כ׳וואָלט אפילע געזאָגט, אַז דאָס איז אַ געטרייער אָן אַ מאָס צושויער, אויב ער דערלויבט, מע זאָל אים אין אַ סאַך פאַלן אַזוי

לײַכט אָפּנאַרן מיט דער סאַמע עכטער כּאַלטורע, װעלכע איז פּאַרמישט אַף קאַמערן, אַף דעם קינסטלעך געשאַפענעם אין דער צײַט פון סטאַגנאַציע דעפּיציט פון יידישער קונסט. דער זעלבער צושויער, קומענדיק אַף אַ רוסישן קאָנצערט, צי אין רוסישן טעאַטער, װאָלט זיך אָפּגעזאָגט אױפצונעמען די, מישטיינס־געזאָגט, „קונסט", װעלכע װערט אָן ביזאָיען באַװיזן אונטער דער שילד פון אונדזער פאָלקס־טראַדיציע. דער צושויער קוקט דאָס אַלץ מיט אַ באַװאָרעניש (מיט אַ „סקידקע"), און מיט גאָטס הילף װעט זיך באַװײַזן אויך אַ הײַנטצײַטיקער רעפּערטואַר, און פון הויכער מײַסטערשאַפט, ס'װעלן זיך אויסטיילן טאַלאַנטפולע שוישפּילער, און די יידישע עסטראַדע װעט זיך אַרויסװײַזן פעיק אַפילע אַף אָריגינעלע עקספּערימענטן.

דער צושויער אַף די יידישע קאָנצערטן און שטעלונגען איז גרייט מויכל זײַן די ניט־גענוגנדיקע פּראָפעסיאָנעלקײַט, די נודנע שאַבלאָנען און דאָס ניט־קענען יידיש. אויב מע װיל, קאָן מען אַזאַ פּאָזיציע פאַרשטיין. נאָך אַ הונגער האָט אַ פּענעך שװאַרץ ברויט דעם טאַם פון פרישער כאַלע. צי קאָנען מיר אָבער צופּאַסן דעם דאָזיקן פּרינציפּ צו קונסט? אין די סאַמע שװערסטע צײַטן פון דעם סטאַלינישן טעראָר האָבן עכטע מײַסטערס געשאַפן װערק פון אַ הויכער קינסטלערישער מאַדרייגע און געצאָלט מיט בלוט, מיט לעבן. און איצט דאַרף מען בלויז האָבן באַגאַבונג און אַ װילן צו אַרבעטן, קוקנדיק מיט אָפענע אויגן אַף אַלץ, װאָס עס קומט פאָר אין לאַנד און אין דער װעלט.

כ'בין מאַסקים, אַז אָן געלט קאָנען לעבן נאָר מאַלאָכים, אָבער זאָל גאָט אָפּהיטן צו מאַכן געלט פון קונסט. מע קאָן דען האַלטן פאַר עסטראַדע די אַזויגערופענע „אָדעסער קופּלעטן", אין װעלכע מע שטעלט אַרײַן עטלעכע באַקאַנטע יידישע װערטער מיט רוסישע ענדערונגען?

כ'װיל נאָך זאָגן עטלעכע װערטער װעגן די יידישע דראַמאַטישע קאָלעקטיװן. הײַנטצוטאָג זעט מע אין לאַנד אַ גרויסן אינטערעס צום טעאַטער, די נײַע טעאַטראַלע און קאָנצערט־אַנסאַמבלען מערן זיך װי שטערן אַפן פאַרנאַכטיקן הימל. דאָס איז, װי מיר װייסן, ניט שטענדיק גוט. אין די יידישע קאָלעקטיװן קומען צו גיין צופעליקע מענטשן, און אָן קיין שום בושע שפּילן זיי אַף די נאַציאָנאַלע געפילן און אַף דעם דאָרשט צום יידישן װאָרט.

איך מיין, אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער ברייריע, װי נאָר שאַפן אַ יידישע סטודיע בײַ איינעם פון די מאָסקװער טעאַטראַלע אינסטיטוטן. מיט אָט דעם װעג איז דאָך געגאַנגען די אַרבעט אַף אױפקלייגן די יעסודעס פון די בעסטע נאַציאָנאַלע טעאַטערס אין אונדזער לאַנד. און, פאַרשטייט זיך, אַז נאָכן פאַרענדיקן די סטודיע דאַרפן די אַקטיאָרן קענען יידיש ניט ערגער װי טעאַטראַלע מײַסטערשאַפט. אַזוי װעלן מיר אין פיר יאָר אַרום האָבן אַ פּראָפעסיאָנעלן

טעאטראלן קאָלעקטיוו מיט פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער, וועלכע וועלן קענען די שפּראַך פון זייערע צושויער.

און וואָס האָבן מיר היינט?

בא אונדז אין מאָלדאַוויע רעדט מען וועגן דעם, אַז נאָך סידי טאַלס אַוועקגיין פון דער וועלט הערן מיר פון דער בינע ניט יידיש, נאָר א פּלאַ־פּלעריי פון א פּאַפּוגיי...

און נאָך אָט וואָס. ס׳איז שוין געקומען די צייט צו שאַפן א קינסטלערישן ראַט, וועלכער זאָל אַטעסטירן די יידישע שעפערישע קאָלעקטיוון.

יאָ, צייט צו מאַכן א סאָף צו דער ספּעקולאַציע אויף נאָסטאַלגיע בענע־גייע יידיש. לאָמיר זיך נעמען פאַר דער לייזונג פון די פּראָבלעמען אין שייַכות מיט אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור.

לייב רויטמאַן,
בעלץ

זיי האָבן פאַרדינט

אין ריגער אָפּערעטע גייט דאָס אמעריקאַנער מיוזיקל „דער פידלער אפן דאַך“. איר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי עס איז גוט אוועקגעשטעלט. ס׳גלייבט זיך אפילע ניט, אז די ארטיסטן זיינען ניט קיין יידן.

איך האָב געקוקט אַף דער בינע, און בא מיר איז געווען אזא געפיל, גלייך דאָס אלץ קומט פאָר אין מיינע קינדער־יאָרן אין לאַטגאַליע (לעטלאַנד). זיי האָבן פאַרדינט, מע זאָל וועגן זיי אָנשרייבן אין אונדזער זשורנאַל.

נ. ליפשיץ,
ריגע

ЕВРЕЙСКИЙ МОЛОДЕЖНЫЙ ЦЕНТР В МОСКВЕ

1. Кто мы?

Мы — это Молодежный центр по изучению и распространению еврейской культуры при Московском городском комитете комсомола. Официальный статус получили пока в качестве филиала Центра студенческой молодежи.

2. Почему мы создали этот центр?

Потому что, даже не вдаваясь в подробности, мы понимаем, что утрата любой национальной культуры, исчезновение даже самой малочисленной народности, обеднит весь мир.

История показывает, что в ходе ассимиляции образующийся вакуум национальной культуры зачастую заполняется не новой полнокровной культурой, а суррогатом, и у части ассимилированной среды происходит радикализация национальных, политических и иных взглядов.

Наша задача — не облегчить муки «умирающего», но сохранить ему (т. е. своей национальной культуре) жизнь. Сейчас уже никто не ставит ассимиляцию как лозунг дня, мы думаем, что эти процессы нельзя и в будущем рассматривать как безусловное «благо».

3. Что мы уже сделали?

Несколько молодежных групп занимаются языком идиш, а также ивритом. Проводятся лекции по еврейской истории и культуре. Помогаем Московскому комитету народного образования организовать факультативное изучение идиша в московских школах,

4. Наши планы.

Ориентируясь в первую очередь на молодежь, мы будем проводить следующую работу:

— создавать сеть лекториев по вопросам еврейской истории, культуры и религии;

— содействовать введению языка идиш в программы школьных и дошкольных учреждений Москвы;

— организовать летние лагеря для школьников и студентов;

— проводить экспедиции по местам бывшего и настоящего расселения евреев с целью сбора документов и материалов по еврейской истории, приведения в порядок кладбищ и других памятников еврейской старины;

— помогать престарелым и инвалидам.

5. Не хотите ли нам чем-нибудь помочь?

Если да — пишите нам по адресу: 109017, Москва, ул. Б. Ордынка, 41.

Если Вы хотите помочь материально, то наш расчётный счёт 700019 в Москворецком отделении Промстройбанка г. Москвы (МГЦСМ для МЦИРЕК).

Илья Гельцер,
председатель МЦИРЕК, г. Москва

ИМЯ НА РОДНОМ ЯЗЫКЕ

Извините, что пишу по-русски, но я из того поколения евреев, которое перестало говорить на родном языке.

Коротко о себе. Я, Усть-Шомушский Аркадий Абрамович, 1945 г. рождения, женат, двое детей, образование среднее техническое, рабочий-строитель (маляр).

Как и многие из моих друзей, считал, что мы потеряли национальность: разговариваем на русском языке, воспитаны на русской культуре. Ради будущего своих детей перешел на фамилию жены (она русская). Правда, от своего еврейства никогда не отказывался.

Решил написать Вам вот по какому поводу. 19 марта в нашем городе произошло знаменательное событие — образовалось общество еврейской культуры им. Нотэ Лурье. Присутствуя на собрании по случаю организации общества, я почувствовал, что раньше был неправ. В тот же день зашёл в магазин «Союзпечать» и впервые в жизни купил журнал «Советиш геймланд». К моему счастью, к журналу было приложение: еврейско-русский словарь, в котором я обнаружил алфавит языка идиш и впервые в жизни прочел первое слово на родном языке. Трудно передать то чувство, которое я испытал. Раньше смотрел на книги с еврейским шрифтом как на какую-то клинопись. И вот написал на идиш свое имя. Недаром бабушка и дедушка говорили на этом славном языке...

А. Усть-Шомушский (Файнлейб),
г. Одесса

ИМЕЮ ЛИ Я ПРАВО?

Пишу вам уже второй раз, первый раз — о том, что, хотя я не еврейка, мне дорога еврейская культура и что я изучаю идиш.

За время, прошедшее после того письма, я стала членом общества еврейской культуры, которое действует в нашем городе с начала текущего года.

И все же не покидают меня сомнения: нет ли отступ«ничества с моей стороны по отношению к моим предкам-славянам? Я не забываю русскую и украинскую культуру, на которой выросла, и все же сомнения не отступают. И ещё: имею ли я право говорить о еврейском языке «мой» или «наш» язык? О еврейской культуре — «наша культура»?

Мои знакомые говорят: тебе хорошо, ты не сталкивалась с антисемитизмом так открыто, как мы. Открыто я действительно не сталкивалась, но мне больно за все плохое, что случалось с еврейским народом.

Так имею ли я право говорить: «наш идиш», «наша еврейская культура»?

Татьяна Шведская,
Харьков

ХОТИМ СНЯТЬ ФИЛЬМ НА ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ

Убедительно просим — помогите через ваш журнал найти спонсоров для создания на киностудии им. Довженко первого советского фильма на еврейском языке (идиш). Нам необходимо пятьсот тысяч рублей, которые мы возвратим с большими процентами после проката фильма в нашей стране и за рубежом. Срок создания фильма — один год.

В 1988 году в журнале «Київ» опубликован роман Александра Бураковского «Готэню!». Предлагаемый сценарий написан по мотивам этого романа.

В центре произведения — драма, происшедшая в наше время в еврейской семье. Семья эта состоит из трёх по-

колений. Дедушки и бабушки — комсомольцы двадцатых годов, участники Великой Отечественной. Среднее поколение воспитано на страхе начала пятидесятых годов, лицемерии шестидесятых, ханжестве середины семидесятых. Молодое поколение, столкнувшись с коррупцией общества, с унижением человеческого достоинства, с преследованием людей по национальному признаку — протестует. Герой романа, представитель этого поколения, не желает идти ни на какие компромиссы. И единственный выход, который он находит в сложившейся ситуации — эмигрировать.

Автор сценария и режиссеры задались целью показать жизнь такой, какая она есть, без прикрас.

Сценарий взывает к совести людей, призывает опомниться, остановиться, обрести чувства собственного достоинства, человеческой и национальной гордости, доброты и порядочности.

Предлагается снять фильм силами еврейских актёров, на языках — идиш, русском и украинском.

Будут широко использованы еврейские песни, музыка, фольклор, показаны нравы, обычаи и быт евреев.

Наш адрес: 252110, Киев, ул. Семёновская, 11, кв. 48. Винокурову Семёну Филипповичу.

А. Бураковский
автор сценария
С. Цыбульник, С. Винокуров —
режиссёры-постановщики

Наша реклама

НАЧАЛО ПУТИ

В издательстве «Советский писатель» готовится к печати сборник на еврейском языке произведений молодых авторов (№ 407 по тематическому плану издательства). Имена молодых прозаиков, поэтов, критиков и исследователей уже знакомы читателям журнала «Советиш геймланд». Литературный раздел книги включает рассказы и повести Бориса Сандлера (Кишинев), Геннадия Эстрайха (Москва), Михаила Фельзенбаума (Бельцы), Якова Дехтяря (Биробиджан), стихотворения Льва Беринского (Москва), Александра Белоусова (Куйбышев), Зиси Вейцмана (Куйбышев), Феликса Хаимовича (Минск), Миши Лемстера (Кишинев), Александра Бейдермана (Одесса), Марка Зингериса (Каунас), Риммы Марковой (Ленинград), Нины Зильберман (Биробиджан).

Проблемам еврейской литературы и языковедения посвящены статьи Фаины Гримберг (Ташкент) «Литературы языкового эксперимента?», Александры Айхенвальд (Москва) «Формирование современного иврита как языковой эксперимент» и Михаила Крутикова (Мо-

сква) «Традиция и современность в творчестве Самуила Галкина». О еврейской музыкальной культуре рассказывается в статьях Владимира Биткина (Кишинев) «О еврейском музыкальном фольклоре» и Виктора Ленэона (Москва) «Музыка в жизни Михоэлса». Еврейская книжная культура — тема статей Эммануила Зингериса (Вильнюс) «Книги и люди» и Семена Якерсона (Ленинград) «Колофоны инкунабул на древнееврейском языке» (о коллекции первопечатных еврейских книг в Ленинграде).

История еврейской общины в Москве рассматривается в статье Марка Куповецкого (Москва) «Евреи в Москве». Игорь Крупник (Москва) представляет обзор работ молодых советских ученых в области иудаики.

Заказы на сборник «Начало пути» принимаются книжными магазинами.

צו די אויסלענדישע ליבהאָבער פֿון ייִדישער ליטעראַטור

דער מאָסקווער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ לאָזט אַרויס הײַאָר דעם ערשטן זאַמלבוך פֿון יונגע ייִדישע אויטאָרן. דער נײַער בוך הייסט „אין אָנהייב וועג״ און שליסט אײַן דערציילונגען, לידער און אַרטיקלען פֿון מער ווי צוואַנציק מעכאַברים פֿונעם נאָכמילכאָמעדיקן דאָר, וועלכע לעבן אין מאָסקווע, קעשענעוו, ווילנע, בעלץ, לענינגראַד, מינסק, ביראָבידזשאַן, קיִבישעוו, קאָוונע און טאַשקענט.

באַשטעלן דעם זאַמלבוך קאָן מען אין די פֿירמעס און קראָמען, וועלכע האַנדלען מיט סאָוועטישע אויסגאַבעס.

Содержание — אינהאלט

Содержание		אינהאלט
Почему — «Юнгвалд»	3	פאַרוואָס — „יונגוואלד" . . . . . .
Первые шаги	5	ערשטע טריט . . . .
Наша хрестоматия		אונדזער כרעסטאָמאטיע
Шолом-Алейхем. Ножичек (сокращенно)	11	שאָלעם־אלייכעם. דאָס מעסערל (געקירצט) . . . .
Перец Маркиш. Фрагмент из романа «Поступь поколений»	47	פערעץ מארקיש. פראגמענט פונעם ראָמאן „טראָט פון דורות" . . .
Иосиф Опатошу. В вагоне	60	יויסעף אָפּאטאָשו. אין קאר . . . .
Вопросы языка. Илья Фалькович. О языке	67	שפּראך־פראגן. עליע פאלקאָוויטש. וועגן לאָשן. . . . .
Из зарубежных еврейских периодических изданий	96	פון אויסלענדישע ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאבעס . . . .
Гость из-за рубежа	100	א גאסט פון אויסלאנד . . . . . .
Не в бровь, а в глаз	102	געטראָפן אין סאמע פּינטל . . . . .
Еврейские идиомы в картинках (худ. В. Песков)	106	ייִדישע אידיאָמען אין בילדער (קינסטלער וו. פּעסקאָוו) . . . .
Параллельные тексты: идиш — русский	108	פּאראלעלע טעקסטן: ייִדיש—רוסיש
Письма наших читателей	121	בריוו פון אונדזערע לייענער . . .
Наша реклама	125	אונדזער רעקלאמע . . . .

ДОРОГИЕ ДРУЗЬЯ!

Редакция надеется, что «Юнгвалд» станет для любителей еврейского языка не только журналом для чтения, но также трибуной для обсуждения проблем сохранения и развития языка идиш.

Мы ждём, что наше скромное начинание будет подхвачено молодыми читателями и теми, кто пробует свои силы в литературе на идиш. Редакция со вниманием отнесётся ко всем Вашим советам и замечаниям, а также к произведениям, которые Вы решите направить в наш адрес.

8—1599